STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04359

GUTE ORHIM

Yonia Fain

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָני פיין

גוטע אורחים

לידער

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש-שאַפונג
תל-אביב, תשמ"ג — 1983

יאָני פײַן

אורחים חביבים

שירים

YONIA FAIN

BELOVED STRANGERS

Poems

©

Printed in Israel 1983 נדפס בישראל

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונג
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת. ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P. O. B. 1777

דפוס „אורלי" תל־אביב, טל. 332062

גוטע אורחים

זיי קומען און קומען,
די גוטע אורחים,
און לאָזן הינטער זיך
צענדליקער זאַכן איבער:
אַ רעמל, אַ קעמל, אַ צאַפּל פון פינגער,
אַ מעטריקע פון פאַרשאָטענע גריבער.
זיי קומען דורך פאַרריגלטע טירן,
זיצן, קוקן און גייען אַוועק
אָן אַ וואָרט צו זאָגן,
נאָר זיי בלײַבט אין שפּיגל אַ שמייכל —
אַ פּערטעלע עפּל:
איין שפּיץ — פרייד, איין שפּיץ — שרעק.
איך שמייכל דעם שמייכל,
זיי אַליין קאָן איך ניט דעריאָגן.

וואָס זיי ברענגען
ווערט מײַנס.
וואָס זיי נעמען —
איז מיר ניט קלאָר.
איך רוף זיי מיט די צאַרטסטע נעמען,
זייער רשימה ווערט לענגער
פון יאָר צו יאָר.

איך זוך אין שאָטנס
אַן אָדערל פרייד,
איך מאַך שטילקייטן איבער
אין רייד.

דאָס דריטע אויג



דאָס דריטע אויג

װען איך ליג אין בעט די פּיס אויסגעצויגן
עפנט זיך דאָס דריטע אויג פּלוצים אויף,
פון די אַנדערע צוויי װערט די ראיה אויסגעזויגן,
און אַלץ, װאָס איך װיל און װיל ניט, שליסט זיך צונויף.

דער דיל נעמט קלעטערן צום הימל,
דער הימל פּאַלט און צעפּיצלט זיך, װי אַ שפּיגל,
פון אַ װאַזאָן הינקט אַרויס אַ קראַנק בלימל,
אַ מעסער שניידט־אויף דעם פאַרבאַטענעם זיגל.

פּוסטקייטן שיילן זיך פון פּוסטקייטן אַרויס,
שטילקייטן פּלאַצן, װי אָנגעצויגענע סטרונעס,
צאַרטקייטן גייען אין שטיינער אויס,
ריכטער פאַרנעמען די טריבונעס.

„די לעצטע שעה קומט אָן, קומט אָן!" —
דאָס אויג באַגעגנט זי — אַ מוראַשקעלע, ניט מער.
אין איין עק װעלט קרייט דער שטאָלענער האָן,
אין אַ צװייטער — פּאַלט אַ קרישטאָלענע טרער.

דער סדר פון זאַכן

דאָס וואָס איז אמת
אין ליבשאַפט,
ווערט אַ ליגן
אין האַס,
די נאַקעטע ריינקייט
פון אַ בעט,
ווערט אַ וועלפישער
ביס
אין גאַס.

אַ בריק
איבער פעלדזיקע ברעגן
איז דאָס פאַרשטיין,
די נאָענטקייט —
וויל זיך זען
פון דער ווײַט.
די ווײַט
וויל צו זיך אַליין
דערגיין.

איך

דעם אונטערגאַנג, וואָס כ׳האָב טאָג־טעגלעך געזען,
איז איצט מער לעבעדיק, ווי דאָס לעבן אַליין.
איך בין ניט, וואָס איך עס, איך בין ניט, וואָס איך טרינק.
איך בין דער אומזין, וואָס וויל צום זין דערגיין.

איך בין די אימה — אַ וואָרעם מיט הונדערט פיס,
ער פויזעט לאַנגזאַם, לאַנגזאַם צו אַ נײַעם ראַנד,
כ׳בין ניט מײַן בלוט, כ׳בין ניט מײַן ביין,
כ׳בין ליים אין אַ גרויזאַמער האַנט.

גאָפּל־מעסער

יעדער וועג איז אַ ניט־פֿאַרענדיקטע שורה,
יעדער אמת בלײַבט הענגען צווישן טאָג און נאַכט,
דער בית־עולם איז דער זיכּרון פֿון דער וועלט,
אין תּפֿיסה ווערט די צוקונפֿט פֿאַרטראַכט.

לעגענדעס מאַכן חיות איבער אין מענטשן,
מענטשן גייען אויף יאַגד, מאָרדן און קומען אום,
דאָס פֿלייש ווערט פֿאַרזאַלצן, צו געדויערן לענגער.
גאָפּל־מעסער נעמען זיך ברידערלעך אַרום.

אפשר

אפשר איז אַלץ אַ חלום?
אפשר איז דער בעל־חלומות
אַ חלום אין אַ חלום, ניט מער?
אפשר איז דער שטיין בײַ דער טיר
אַ פאַרגליווערטע טרער?
אפשר איז דאָס בלימל אין קריגל
אַ שמייכל פון ליפּן ערגעץ פאַרשאָטן?
אפשר איז די צוקונפט אַ לײדיק וויגל,
און דער זונפאַרגאַנג — אַ שוועלבל צעטראָטן?
אפשר איז אַלץ פוסטקייט, ניט מער?
אפשר איז די פוסטקייט מיט זיך אַליין פול?
אפשר איז מײַן זײַן צוליבן ניט־זײַן אַזוי שווער?

צוויי לעבנס

צוויי לעבנס לעבט אויס דער מענטש אין איין צײַט,
אַ לעבן פון ווערטער און אַ לעבן פון טעג,
אין די ווערטער חלומט די אייביקייט,
די שעהען לייגן דורך זומפּן אַ וועג.
רייד דערציילן פון אַ ליבשאַפט, ווי דער הימל גרויס,
יעדער טאָג גייט אָוונט־צײַט פון מידקייט אויס.

ווען ווערטער און מעשים טרעפן זיך, ציטערט אויף דער אָרום
און דער אײַזערנער סדר פון זאַכן נעמט זיך וויגן,
דאָס וואָרט רײַסט אַרויס די צונג און בלײַבט שטום.
דער טאָג צעקלאָגט זיך: „כ'וויל ניט לעבן קיין ליגן”.

מיין נאָמען

זיי האָבן געטראָגן אַן אָרון
אויף פּלייצעס — שטעכיקע ביינער.
„ווער איז דער מת ?״ —
האָב איך געפרעגט.
זיי האָבן געענטפערט:
„איינער״.

כ׳בין צום בית־עולם
מיט זיי אַוועק,
געזען, ווי אַ גרוב ווערט געגראָבן,
געהערט, ווי עס סאָפּען שטיינער.

מען האָט דעם טויטן אַראָפּגעלאָזט,
אַ פרוי האָט גענומען קלאָגן,
אַ מאַן — זינגען,
די היץ האָט אין קאָפּ
מיט האַמערס געשלאָגן.
צום סוף האָט דער קבֿרן,
אַ שוואַרצער ריז,
אונדז פון זיין מלוכה
גענומען יאָגן.

מיר זיינען אַוועק
אַ נאָגעניש צו פאַרגיסן.
די צייַט איז אַ זעג מיט שאַרפע ציינער,
די לעבנס־קאַרע האָט געבלוטיקט, צעריסן.

מיר האָבן געטרונקען, געזיפּצט, געקלאָגט,
מיט הערינג און ברויט די טרערן געשלונגען,
די צײַט איז אַ זעג מיט בייזע ציינער,
די פאַרוווּנדעטע קאָרע האָט צום לעבן געזונגען.

פון דעמלט בין איך איינער פון די־אַ לײַט,
אַ האַרץ — הינטער הויטן,
אַן אויג — פאַרבלויט מיט ווײַט,
אַ וואָרצל אויפן וועג צו פאַרבאָרגענע שטראָמען.
און „מענטש" איז מײַן ערשטער און לעצטער נאָמען.

דאָס אָרט

ס'איז דאָ אַן אָרט, ווו אַש ווערט צוריק לײַב,
און פֿאַרוויאַנעטע בלומען בליִען אויף ס'נײַ,
ווו אַ טויטער מאַן קושט מיט לעבעדיקע ליפּן
אַ טויטע ווײַב.
אַן אָרט,
ווו דאָס פֿאַרגאַנגענע
איז ניט פֿאַרבײַ.
ס'איז דאָ אַן אָרט,
ווו פֿאַרלאָרענע זאַכן זוכן זיך אָפּ,
ווו ס'וואַקסט צוריק אַ צעטראָטן וואָרט,
און ווו אַ געדאַנק ווערט רײַף
אין אַ געהאָנגענעם קאָפּ.
אַן אָרט —
ווו אַ שאָטן צינדט אָן אַ ליכט,
ווו אַ בלינדקייט נעמט אַרום אַ ליב געזיכט,
ווו ביינער גראָבן זיך אַרויס צו דער פֿרײַ,
און ווו אַ פֿאַרגעסענע צאַרטקייט
ציטערט־אויף צוריק אין ראָזע טומאַנען.
אַן אָרט, ווו דאָס אַלטע ווערט נײַ,
און ווו דאָס נײַע ווערט דורכן אַלטן פֿאַרשטאַנען.

דאָס אָרט איז אומעטום.
דאָס אָרט איז אין דעם קײַלעכדיקן אַרום
אַרײַנגעשפּונען.
און איך האָב עס געפֿונען,
יאָ, געפֿונען,
און ס'איז געוואָרן מײַן פֿאַרמעג.
דורכן שטיינערנעם וועג
רעדט דער אייביקער וועג.

ביאָגראַפֿיע

איינער שרײַבט זײַן ביאָגראַפֿיע,
ווײַל ער וויל פֿונעם הײַנט אַנטלויפֿן,
אַ צווייטער — פֿון ניט האָבן וואָס צו טאָן,
אַ דריטער — וויל פֿאַרלאַטען אַ צעפּליקטע פּאַן.

ערגעץ האָט געלעבט
אַ מוטער, אַ פֿאָטער, אַ קינד,
אָבער דערגיין צום פֿאַרגאַנגענעם לאַנד,
קאָן בלויז אַ פֿאַרבלאָזענער ווינט.

קינדער־צײַט ווערט אייגן־צײַט,
מיט אַ מאָל, איבער נאַכט,
אין אַ רגע פֿון פֿאַרלירן,
פּלוצים נעמט רופֿן די ווײַט,
דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן,
די ליבע וויל ניט ווערן פֿאַרזעסן
די בענקשאַפֿט — וויל דעם חלום דעריאָגן.

און שיפֿן און באַנען נעמען זיך טראָגן,
אונטער רעדער ווערן צעפּליקט
יאָרן און ערטער,
שטערן טרייסטן דעם זיכּרון,
דער אמת ווערט פֿאַרפּירט פֿון ווערטער.

און צײַט פּיקט דעם גאָלדענעם קאָרן,
פּיקט און פּיקט און ווערט ניט זאַט,
„פֿאָטער" — פֿרעגט דאָס קינד, —
„וואָס איז פֿונעם פּרינץ געוואָרן?"
דער פֿאָטער קעניגט איבער אַ שערבלאַט.

אַ פּעקל בריוו

איך האָב מײַנע בריוו מיט אַ סטענגע פֿאַרבונדן
בלויז בײַנאַכט די סטענגע לויז געמאַכט צוריק,
דאָס פּעקל איז פֿון זיך אַליין געוואָרן גרעסער,
די סטענגע איז פֿון זיך אַליין געוואָרן דיק.

איך לעב מײַן לעבן, אַרבעט און האָב מײַן אייגן בעט,
חלומות קומען צו מיר און שעפּטשען וועגן גליק
איך וויל אַרויס פֿונעם געלן, קאַנטיקן קאָנווערט,
אָבער די סטענגע איז איצט אַ קיילעכדיקער שטריק.

יאָרן

צווישן פֿאַרגעסן און געדענקען
בלייב איך פֿאַרגאַפֿט ערגעץ שטיין,
כ'בין אַ שוועל אָן אַ טיר,
אַ וואָרט, וואָס וויל ווײַטער פֿון ווערטער דערגיין.

וואָס איך האָב אײַנגעזאָמט,
איז מײַנס קיין מאָל ניט געוואָרן,
איך האָב בלויז פֿאַרוואַנדלט
שטומע לופֿט אין פֿאַרקלונגענע יאָרן.

איין זאַך איז אין דער לופטן
הענגען געבליבן

האָסט מיך געפרעגט,
צי איך בין אַמאָל דערגאַנגען
צום לעצטן געדאַנק פון אַ מענטשן
פאַרן פאַרגיין —
ניין.

ניט איך קען,
ניט איך וויל אים וויסן.
ווי די זון, קומען געדאַנקען,
אין זייער צײַט, פון זיך אַליין.
און אַנטפּלעקן די שטחים
פון אונדזער פאַרשטיין.

פאַרגראָבן אין אַ קעלער,
האָב איך אָפט געטראַכט
פון מיידלשע בלומען.
אין שטאָטישע פּאַרקן
ניט איין מאָל געקלערט
וועגן ווײַסע פינגער פון בלינדע אויגן.
כ׳האָב אָפט באַנומען,
וואָס כ׳האָב ניט געוואָלט פאַרשטיין.
אָפט אַנטלאָפן
פון אַלץ, וואָס האָט געצויגן.

כ׳האָב פיל מאָל אויסגעבאָרגט
דאָ און דאָרטן אַ פּאָר גלויביקע סטראָפן,
אין געפאַלנקייט דעם חוב שטענדיק צוריקגעצאָלט,
כ׳האָב אויסגעפונען:

אַן אייגענער צווייפל איז וואָרעמער
פון אַ פרעמדן האָפן.

צום סוף בין איך צו זיך געקומען,
אין מײַן אייגנקייט זיך פאַרגעסן.
כ'האָב אָנגענומען:
אַ מענטש לעבט פון ווערן דורך זיך אַליין אויפגעגעסן.

בלויז איינס איז אין דער לופטן הענגען געבליבן,
ווי קומט — וואָס מער איינער איז וויליק צו געבן,
אַלץ מער האָט ער צו פאַרלעבן ?

דער גאַנצער מענטש

„איך קען מענטשן,
וואָס האָדעוועו רויזן,
און פאַרבלײַבן אַליין
גרויער פון שטויב.
און איך קען אויך לײַט,
וואָס לעבן יאָרן און יאָרן
צווישן פּאָליצעס ביכער,
אָבער די טיר צו זיך
מאַכן זיי קיין מאָל ניט אויף.
און קינדער — קען איך,
צאַרטע נשמות, וואָס שטאַרבן
פאַרן גרויס ווערן
מיטן פּיין פון זקנים,
און כ׳קען זקנים,
וואָס ווערן פאַרברענט,
ווי שמעטערלינגען".

„זאָג מיר, וואַנדערער ,
דערציילער פון געשיכטעס,
האָסטו ווען געטראָפן
אַ גאַנצן מענטשן ?"

„געוויס געטראָפן,
ער איז דער העלד
פון ביליקע ראָמאַנען".

דאָס געזיכט

דער וואָס זעט בלויז
אַ פראַגמענט
לעבט פאַרלאָרן,
בלויז אין פולקייט
ווערט פאָרעם —
גלויבן,
און דער אָנהייב
איז גובר די ענד.

צײַט האַלט
אין איין אַנטלויפן
פון זיך אַליין,
יעדער אַנדעקונג
לאָזט איבער
אַ פרישע וווּנד.
בלויז דער האָריזאָנט
נעמט אַלץ אַרום.
זײַן תורה — איז רונד.

פון צעפּאַלענע ביינער —
צום זײַדענעם גראָז,
פון פאַרמשפּטע גריבער —
צו דער פרײַער הויך.
דער וואָרעם וואַרט ניט
אויף פליגל,
ער פויזעט אויפן בויך.

פון ווילדן בלוט —
צום מילדן ליכט,
דער חלום
קלעפּט אויס
פון נאַסן ליים
אַ געזיכט.

דאָס געזיכט שמייכלט,
וואָס האָט עס דערזען?
עפּעס, וואָס איז געווען,
איידער עפּעס איז געשען.

ערגעץ

ערגעץ טיף, ערגעץ טיף
אין דער ערד אײַנגעקנאָטענע
וואַרטן אוצרות אויף אונדז,
וואַרטן אוצרות פאַרשאָטענע.
ה. לייוויק

ערגעץ טיף,
ערגעץ טיף,
אונטער גרודעס
האַרטע
וואָגלען ביינער
בייזע —
גלויבנס
אָפּגענאַרטע.
וואָרצלען שוואַרצע
פאַרפלעכטן זיך
אין צעפּ
געדיכטע.
ווערים בלינדע
עסן, עסן
די מענטשלעכע
געשיכטע.

ערגעץ טיף,
ערגעץ, ערגעץ
אומעטום
נעמט איין
פוסטקייט
אַ צווייטע
אַרום.

אַ יאָר
שווימט אַרויס
פון אַ יאָר.
אַ שאָטן
אויף אַ שטריק
איז די וואָר.

און דו
און איך
צעשיידן זיך,
טרעפן זיך
און בעטן
זיך איבער.
איך ווער
דײַנע בלײַבע ליפּן,
דו ווערסט
מײַן געלער פיבער.

ערגעץ טיף,
ערגעץ טיף,
אונטער
צאַנקנדיקע הויטן
צאַפּלען,
צוקן
ברענענדיקע קנויטן,
ביז אַ ווינט
פאַרשטיקט זיי
מיט פינגער ווײַסע.
און דער טונקעלער אומזין
ווערט דער זין
פון אַ מעשה.

אַ קינד

שטילע רייד האָבן די שטילקייט
נאָך שטילער געמאַכט,
אַ וואָנט איז דערגאַנגען צו אַ וואַנט,
אַ טיר האָט הינטער זיך די ענגשאַפט פאַרמאַכט.

ווהין קאָן אַ גוף אָן אַ ווילן זיך לאָזן גיין?
פון אַ מגילה האָט דער טויט אויף אַ קול עפּעס געלייענט.
פלוצים האָט זיך דער הימל צעלאַכט.
אַ ניי־געבאָרן קינד האָט ערגעץ געוויינט.

עס טרעפט

עס טרעפט,
עפּעס געשעט
און לאָזט קיין צייכן ניט איבער,
דער פרימאָרגן דערפילט — ס'איז שפּעט,
דער הימל פּרוווט טרייסטן טונקעלע גריבער.
עס טרעפט,
די פאַרטײַטשונג פאַרשטייט זיך ניט אַליין,
די טרער — באַרויִקט דאָס געוויין.
אַ פענצטער באַצירט מיט אַ שמייכל אָן אומעטיקע וואַנט,
אַ בלימל פּאַכט מיט אַ פאַרליבטער האַנט.
עס טרעפט, עס טרעפט,
און דעמלט פאַרשווינדט אַלץ אָן אַ צייכן.
עס טרעפט
דער ווינט קאָן זיך אַליין ניט דערגרייכן.

מײַן פּאָרטרעט

איך האָב מײַן פּנים
אין פיל פּאָרטרעטן
געמאָלט און איבערגעמאָלט
אַ פּנים,
כ'האָב עפּעס געוואָלט
באַנעמען דורך פאָרמען און פאַרבן.
אָבער אין יעדן נײַעם בילד
האָבן די שרעקן
געהאַלטן אין איין פּאַרטיפן
און איבערקניפּן
די אַלטע קאַרבן.
בלויז די אויערן זענען ניט פאַרענדערט
צוריקגעקומען —
בלײַך, פאַרשפּיצט און קרום.
איך פרעג זיי וואָס זיי ווייסן,
אָבער דאָס הערן איז שטום.

אַ ברונעם

איך האָב געגראָבן אַ ברונעם,
צו קיין וואַסער ניט דערגאַנגען,
די מי האָט מיך פאַראומערט,
די בלינדע טיף — געפאַנגען.

צום סוף בין איך פון אַלץ אַנטלאָפן
און ברייטע טײַכן געפונען,
אָבער יעדער וואַסערשלונג שנײַדט
מיט ראַנד פון מײַן טרוקענעם ברונעם.

די טיר

איך האָב לעגענדעס געזען
פאַרשפּאַרט הינטער תּפֿיסה־ווענט,
און תּלינים, וואָס פלאַנצן
צאַרטע בלומען,
און כ׳האָב ריכטער געזען,
וואָס קוקן אויף ווונדן
און שטומען,
כ׳האָב צווישן בירגער געלעבט,
וואָס האָבן די בלוטיקע האַק
ביזן הימל דערהויבן,
און כ׳האָב קראָען געזען
מיט שמייכלען פון טויבן.
כ׳בין אין סדום געשלאָפן
אין מײַן חלום —
איז איין טיר געבליבן אָפן.

איך האָב זיך אָפט פאַרלאָרן
אין מערק און מערקלעך פון דער וועלט,
ווו יעדער ווערט אַ נביא,
וואָס ווײַזט זײַן אונטערוועש
און שעלט,
ווו אמתן ווערן
אין טויטע מאָנומענטן איבערגעמאַכט,
און ווו צעמענט און בראָנדז און שטיין
וויינט יעדער נאַכט.
ווערטער, ווערטער און ווערטער
זענען געוואָרן מײַן שפּײַז,
און ווערטער האָבן געפרעגט:
„ווי קאָן זיך אַליין פאַרריכטן אַ גרײַז?"

אָבער אַ חלום איז שטענדיק
פון ערגעץ ווּ אַנגעלאָפן
און כ׳האָב געוווּסט —
איין טיר בלײַבט שטענדיק אָפן.

אַ שטים

עס טרעפט איך הער
מײַן נאָמען רוּפן
הויך און קלאָר.
פאַרגליווערט ווערט די גאַס,
און יעדער רגע ווערט אַ יאָר.

מײַן אָפּבילד
קוקט פון שויבן
און קאָן מיך ניט זען,
און איך דערפיל
כ׳בין אַליין אַן אָפּבילד
פון עפּעס, וואָס איז אַ מאָל,
אַמאָל געווען.

און פּלוצים —
די גאַס פאַרשווינדט,
דאָס בילד צערינט,
ווּ זאָל איך גיין ?
די שטים רוּפט און רוּפט
זיך אַליין.

דער עכאָ פון אַ קלאַנג

דער עכאָ פון אַ קלאַנג
איז אויך אַ קלאַנג,
דער עכאָ פון אַ ליד —
איז אויך געזאַנג.

דער זין פון לעבן
איז ניט אין נעמען־געבן,
און ניט אין דער מאָס
פון זאַכן,
ער איז אין דער טרער
פון דערוואַכן.

ווער קאָן אָפּטיילן
פאַרגליווערטע פיגער,
פון אַ גלויבן
אויסגעגאַנגען,
און ווער —
אַן אויסגעשטופּטן אָדלער
פון אַ מענטשן
אויף אַ תליה אויפגעהאַנגען?

ווער קאָן אונטערשיידן
אַ פאַרגעסענע מוטער —
פון אַ שוועל פאַרלאָזן,
און ווער — גלויביקע ווערטער
פון וואַקסנדיקע גראָזן?

ווער קאָן זיכער זײַן,
אַז אַ שבועה
איז ניט קיין עבֿאָ
פון אַ תּפֿיסה־נאַכט,
און אַז דער מורד
איז ניט קיין געשטאַלט
פון אַ שבועה אויסגעטראַכט?

אַמאָל איז דער זכּרון —
אַ בוך אין לעדער אײַנגעבונדן,
אַמאָל זענען יאָרן
פֿײַער־פֿונקען
פון אַ שײַטער
דורך אומבאַקאַנטע פֿינגער
אָנגעצונדן.

ווער קאָן אָפּשיידן
עבֿאָ פון קלאַנג,
פּאָרעם פון דראַנג,
ווער קאָן אויף זיכער זאָגן:
דאָס איז גייער און דאָס — גאַנג?

צווישן

צווישן ווערטער וואָס ווערן
ווי שפּינוועבס דין,
און ווערטער וואָס לויערן
ווי אַ שפּין,
צאַפּלט אַ בלאָער שאָטן
מיט אַ רויט האַרץ.

צווישן ווײַס און שוואַרץ
פֿלעמלט אַ ליכט
מיט דרײַ פֿינגער.
איינער מאַכט עלטער,
דער צווייטער — יינגער,
דער דריטער שנעלט
די פֿאַרגעסונג אַרײַן,
און מאַכט אַלץ גרינגער.

צווישן יאָ
און ניין
פּרוּווט זיך אומזיסט
דערקלערן
דאָס פֿאַרשטיין.

לײַט זאָגן

לײַט זאָגן:
מיר זענען די לעצטע
פֿון לעצטן דור פֿאַרבליבן
הינטער אונדז — אַש,
איבער אונדז — פֿאַרגליווערטע הויכן.
זיי ווייסן ניט —
דאָס ערשטע און לעצטע
זענען בלויז מאָסן.
און מאָסן פֿאַרגייען, ווי רויכן.

פֿרילינג, געטרײַשאַפֿט, בלוט,
האָבן ניט מאָסן באַשאַפֿן
און ניט מאָסן האָבן זייער טעם פּרובירט,
שטורעם און זון האָבן דעם וועטער־טרעפֿער
קיין מאָל ניט ציטירט.

אפֿשר האָבן מיר געדאַרפֿט
אין קברים ליגן,
כּדי די וואָרצלען פֿון דויער באַרירן,
אפֿשר — ווי אַדרעסן־ביכלעך
זיך פֿאַרלירן,
כּדי צו באַנעמען, אַז אַלע טעג
זענען אָפֿענע טירן.

שאַך

איך בין דערגאַנגען
צו דער לעצטער שטילקייט
און צוריקגעקומען פון דאָרט,
איצט שפּיל איך שאַך מיט מײַן שכן
אָן אַ וואָרט.

צוויי שטעביקע הויקערס
קלערן וועגן אַ צײַט
מיט אַ צעריסענעם זוים
און שטעלן בעת־מעשה
פיגורן איבער:
די מלכות — בלינד,
די זעלנער — קרום,
און זיי אַליין קומען
פאַר עפּעס,
וואָס איז אומגעקומען, אום.

צוועלף אַזייגער — צוריק צום בעטל,
שלאָף שטעלט ניט אָפּ די שלאַכט,
זעלנער פאַלן פאַרבלוטיקט צום ברעטל,
צוויי מלכים —
אין טויטן געפּעכט קעגן איין נאַכט.

יונגער

אַ דערקענטעניש האָט מיך אַמאָל, ווי אַן אַל, דורכגעשטאָכן,
דער שטאָך איז געבליבן, דאָס פּעדימל ליכט — אויסגעקראָכן.

זינט דאַן האָב איך צענדליקער טירן געעפנט צו געביידעס פאַרוואַקסן
מיט גראָזן
זוכנדיק עפּעס, וואָס איך האָב ניט איבערגעלאָזן.

כ'האָב רעמלער פאַרטראַכט — שטערן אַרייַנצומאָלן,
אָבער רעמלער האָבן ליב טאָלן.

דאָס האַלץ, וואָס האָט געוואַרעמט, האָט אויסגעברענט,
זכרונות האָבן זיך מער ניט דערקענט.

דו פרעגסט: וואָס איז דער זין, דאָס אַלץ איבערצוזאָגן?
טייערע, אַ מאָל קאָנען אומעטיקע ווערטער די פרייד דערטראָגן.

אַמאָל, אַמאָל פּאַסירט און די פאַרלאַרנקייט קאָן זיך אַליין געפינען,
דער טויט נעמט דעמלט דעם לעבן דינען.

אין פאַרטרויען ווערן זינגענדיקע סטרונעס אונדזערע פינגער,
און די צייַט, אונדזער צייַט, ווערט יעדער צאַפּלענדיקע רגע
מיט אַ רגע יונגער.

ווײַטער פון פֿאַרשטײַן

„דו װעסט מאָרגן פֿאַרשווינדן
און קיין זאַך וועט פון דיר ניט איבערבלײַבן" —
האָט אַ זקן געזאָגט קוקנדיק
ווי איך האָב זיך מיט אַ קינד פֿאַרשטיפט.
כ'האָב זיך צעבייזערט: „די שפּיל וועט בלײַבן,
און עלטער און קינדהייט און אַ האַנט
דאָס אַלץ צו באַשרײַבן".

„אָבער דו וועסט ניט זײַן אימשטאַנד
אפילו צו באַרירן דײַן אייגן געביין" —
דאָס קינד האָט מיך גענומען שלעפּן, וווּהין?
אַ טראָט ווײַטער פונעם פֿאַרשטײַן.

אַ פידל

איך בין אין אַ חלום אַ פידל געווען,
עמעץ האָט וווּנדערלעך געשפּילט,
אָבער איך האָב זיך אויפגעכאַפּט
און דאָס ליד פֿאַרשטילט.

איצט פּרוּוו איך דעם ניגון איבערזינגען,
אָבער איך בין אַ שלעכטער אינסטרומענט,
איך האָב מורא פֿאַר מײַן שטומקייט,
און נאָך מער — צו זײַן אַ פידל אין פרעמדע הענט.

ווילסט וויסן

דו זאָגסט: איך בין אַ זײַטיקער,
אַ ווײַטיקער,
אַ גאַסט ניט דערגאַנגען.
טײַערע,
איך טייל מיט דיר מײַן ברויט,
בלויז מײַן שאָטן
לעבט ערגעץ געפאַנגען.

דו זאָגסט: דו ווײַסט ניט,
ווען איך קום צו פאַרבלײַבן
און ווען בלויז מײַן אַדרעס
ווידער איבערצושרײַבן.

איך ווייס ניט אַליין.
איך וועל עס מסתמא
קיין מאָל ניט וויסן.
דער גורל האָט מיך קיין מאָל
ניט אויסגעהערט, שטענדיק
זיך פון מײַנע הענט אַרויסגעריסן.

וואָס איז אין די פינגער פאַרבליבן,
האָב איך אין פּאָסטקאַרטלעך
און אין בריוו באַשריבן.
טײַערע,
זיי זענען אַלע צוריקגעקומען,
דערפאַר קום איך צו דיר,
שטומען.

צו פֿאַרטײַטשן אַ שטומקייט
האָב איך ניט איין מאָל פּרובירט,
אָבער ווערטער האָבן אַן אייגענעם ווילן,
און כ׳האָב בלויז דיכטער ציטירט.

כ׳האָב דיכטער ליב
און גיי פֿון מײַן ליבע אויס,
(אָבער דאָס איז אַ טעמע
פֿאַר אַן אַנדער נאַכט).
אויב דו ווילסט מיך פֿאַרשטיין
פֿאַרשטיי זיך אַליין.
מיר זײַנען ניט דאָס
וואָס מיר ווילן זײַן —
מיר זײַנען
ניט קליין, אָדער גרויס,
מיר זײַנען בלויז
וואָס מיר רײַסן
פֿונעם טויט אַרויס.

דו ביסט די מאָס

איין רגע דויערט אַמאָל לענגער פון אַ יאָר,
אַ ליטער מילך און אַ ליטער בלוט זײַנען צוויי פאַרשיידענע מאָסן,
פון ווייכע חלומות איז געמאַכט די האַרטע וואָר,
אין יעדער גבורה איז אַ פחד פאַרשלאָסן.

דו זאָגסט: „איך ווייס״, אָבער ווער איז דער ווייסער?
דו זאָגסט: „איך געדענק״, אָבער ווער איז האַר איבערן זכרון?
אַמאָל איז אַ טויב דײַן טרער,
אַמאָל — אַ דאָרן.
אַמאָל ביסטו איבערן אָפּגרונט די לעצטע בריק.
אַמאָל — דעם אָפּגרונטס הונגעריקע טיף,
אַמאָל — דער ראָזער שמייכל פון גליק,
אַמאָל — דער לעצטער שפּאַלט אין אַ שיף.
אַמאָל ביסטו דער שאַרפער אַקסל פון אַ תפיסה־וואַנט,
אַמאָל — אַ גרעזל מילדקייט פון קברים אויפגעגאַנגען,
אַמאָל — אַ פלאַטערל אין אַ לאַפּידאַפּטערס האַנט.
אַמאָל — אַ האַנט, וואָס האַלט אַ מעבטיקן מלאך געפאַנגען.

גראַניטן



גראַניטן

די גראַניטן דאָ
זײַנען אין אַ באַרג
ניט אויפגעגאַנגען.
זיי ליגן בלינד
און אָטעמען הייס.
זייער האַרץ
איז אַ שפּאַלט
אין די גרונטן.

זינט יאָרן און יאָרן
בעט זיך בײַ מיר
דער גראַניט:
„אָ, העלף מיר, העלף מיר
אויפגיין אין אַ באַרג".

עס וויל מיר ניט גלייבן
די טונקעלע טיף,
אַז מענטשן באַשאַפן
בלויז נעמען פאַר בערג —
ניט בערג.

לײַכט איז די וואָג פֿון שטיינער

זיי זײַנען קיין ניו יאָרק מיט שטעטלשע שמייכלען אָנגעקומען,
און די פּראָזע פֿון טעג מיט פּאָעטישע שורות באַצירט,
ווי אַ שיפֿל אָן רודערס איז דאָס לעבן געשוואומען.
דער ווינט האָט די שטערן צו דער עקדה געפֿירט.

ערד איז איצט זייער היים און לײַכט זײַנען אַפֿילו שטיינער,
בלויז שווער, ווי אַ ריזיקער באַרג, איז דאָס ייִדישע וואָרט,
אַמאָל פֿאַרבלאָנדזשעט צו זיי אַ בלייכער לייענער,
ער שמייכלט דערשראָקן — נאָענט, גאָר נאָענט איז זײַן אייגן אָרט.

אַ לעגענדע פֿאַרפֿאַסט אין גאָלד ווערט דער אַמאָל,
דער הײַנט איז ניט מער ווי אַ שטומע נעסט,
זיי קלערן: קאָן אַ שפּראַך טרייסטן אָן אַ קול?
איין מצבה גייט צו אַ צווייטער אין געסט.

דער הויקער

בײַנאַכט איז אַ הויקער דורכן קוימען צו מיר אַרײַנגעקומען,
און גענומען מײַן לעבן אויף פֿאַרהער,
איך האָב גערעדט און גערעדט, ער האָט גאָרניט אָנגענומען,
ביז כ'האָב ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן מער.

באַגינען איז דער גאַסט אַוועק. דעם הויקער איבערגעלאָזן,
איך וויל אים גלעטן, באַהאַלטן, איך וויל פֿון אים אַנטלויפֿן,
איך ווייס ניט ווען ער שלאָפֿט, ווען ער וויל עסן
און איך ווייס ניט פֿאַרוואָס איך וויל אים אונטערקויפֿן.

ניו־יאָרק

איך בין צו דיר דערשוווּמען — אַ שפּליטנער פון אַן אַנדער צײַט,
דיך דערזען און באַשלאָסן — ביסט שיין,
איך האָב אין דײַן געדראַנג אַרײַנגעפּרעסט מײַן אײנזאַמקייט,
געהיילט זיך מיט אַלעמען און מיט אַלעמען געבליבן אַליין.

איצט וואָגל איך דורך דײַנע ברייטן, עס דײַן ברוויט און צאַל מיט
שטיקלער זײַן —
אַ שאָטן צווישן שאָטנס, אַ גרויע פאַרב מיט אַן עלעקטרישן זוים,
איך מיש לאַנגווײַל מיט בלוט, טינט מיט ווײַן,
און זע דעם אַטלאַנטיק אָפּגיין אין אַ שמוציקן שוים.

אַ סך ווילן דיך אונטערקויפן, אַ סך מער — פאַרקויפן זיך אַליין,
זיי שעלטן דיך, זיי בענטשן דיך, זיי קוקן אויף זיך דורך דײַנע אויגן.
זיי גלייבן: ביסט אייביק, ווײַל שטייסט אויף אַ שטיין,
און אַלמעכטיק — ווײַל שטיינער קאָנען זיך ניט בייגן.

שטאָט באַזונגען, באַוויינט, באַוווּנדערט און באַשירעמט פון
גוטע הענט,
איך האָב זיך אין דיר, ווי אין אַ שיכורן, ווייכן אומזין פאַרגראָבן,
מיט מיליאָנען געפּיבערט, מיט מיליאָנען לאַנגזאַם געברענט
ניט וויסנדיק, ווי זיי, וואָס דו ווילסט פון דײַנע קינדער האָבן.

כ׳האָב אַזויפיל גוטסקייטן דאָ געפונען פאַרבלאָזן מיטן ווינט,
אַזויפיל טרויערן — שווערער פון אַלע שטאָלענע בריקן,
אַ קלוגשאַפט — אַן פרייד, אַ פרייד וואָס רינט אויס צו געשווינד,
אַ כוח — אין שטויב און שטויבן וואָס רעדן פון גאָלדענע גליקן.

דײַנע מיליאָנען ווילן ווערן מיליאָנערן, דײַנע מיליאָנערן ווילן אָפּקויפֿן
די שטערן
און אין שפּיטאָל ליגט אַ חלום אין אַ קראַנקן בעט,
אַ שוועסטער ציילט זײַן פּולס, אַ פֿויגל — זײַנע טרערן,
און איך — איך בין זײַן געבעט.

צוויי גוטע פֿרײַנד

מיר האָבן געטרונקען אַ גאַנצע נאַכט,
פֿונעם עיקר אַלץ ווײַטער און ווײַטער פֿאַרגאַנגען,
דערציילט און איבערדערציילט, ווי מיר האָבן אַמאָל פֿאַרבראַכט,
צוויי גוטע פֿרײַנד פֿון גוטע רייד געפֿאַנגען.

די קעלנער האָבן מיט מידע טעלערס געקלאַפּט,
אַ טײַך איז פֿון ערגעץ אָנגעלאָפֿן און זיך ווילד אָפּגעטראָגן,
מיר האָבן זיך טרינקענדיק אַרומגעכאַפּט
און ניט געוווּסט מער וואָס צו זאָגן.

מיט לעצטקייט האָט געקוקט די טיר,
און דאָפּלט גרויס זײַנען געוואָרן די פֿליגן,
עמעץ האָט פֿאַלש געשפּילט אויפֿן קלאַוויר,
אָבער ווער וויל זיך צוליב אַ פֿרײַנדשאַפֿט אויף אייביק צעקריגן?

אַ פּאַרטיע

די פּאַרטיע איז אין פולן גאַנג,
מיר טרינקען, מיר עסן, מיר לאַכן,
און מיר רעדן וועגן פּאָליטיק,
וועגן פּאָעזיע און מאָלערײַ,
וועגן פרויען און וועגן שטאַרבן,
דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט
איז אַ גאָרטן מיט אַ תּליה,
מיר רעדן וועגן היידעגערס עטישן באַנקראָט
און וועגן מאַטיסעס עטישע פאַרבן.

נאָך אַ גלעזל און נאָך,
ביז די ווערטער ווילן מער גאָרניט פאַרשטיין,
צײַט צו גיין.
מאָרגן איז אַ נײַע וואָך.

מיר צעשיידן זיך בײַם ראָג.
און אָט איז די היים.
אין צימער קוקט פון שפּיגל אַרויס
אַ פרעמדער קאָפּ.
די לופט איז נאַסער ליים,
פון דער לבנה הענגט
אַ זילבערנע פּעטליע אַראָפּ.

אַ פרוי בײַם ים

אַ פרוי בײַם ים. אַליין.
די זון האָט אויסגעקאַלעכט אַלע ווײַטן,
אונטער די פיס איר שאָטן — אַ שוואַרצער שטיין.
די זעלביקייט האַלט זיך אין איין בײַטן.

דער ים לויפט, קומט אָן און פאַלט צוריק.
דאָס לעבן איז אַנטלאָפן פאַרן קומען,
פאַרלאָשן האָט דער ווינט די טרער פון גליק,
און אַלע קלאַנגען שטומען.

זי קלערט: ווי וועט אָן מיר שלאָפן מײַן בעט?
און ווער וועט דעם אויפגעריסענעם פענצטער פאַרמאַכן?
ווער וועט שמייכלען צו טאַטע־מאַמע אינעם בלייכן פאָרטרעט?
און ווער וועט אָפּווישן דעם שטויב פון קליינע, פאַרגעסענע זאַכן?

זי צייכנט איר נאָמען אין זאַמד מיט אַ דינעם פינגער,
די אותיות גאַפּן שטיל.
דער לעצטער באַשלוס מאַכט די לאַנדשאַפט גרינגער.
דער ניט־זײַן איז טונקל, אייביק און קיל.

שפּיטאָל

די צײַט איז, ווי אַ רעגן־טראָפּן, אויפֿן פּאַפּיר גערונען,
איין טאָג האָב איך זיך אין אַ סטאַטיסטיקע געפֿונען
צווישן לייט מיט רויטע אויגן און אַ מידן געוויסן,
אומזיסט האָב איך זיך פֿונעם טויטן בויגן געריסן.
אַמאָל וואָלט מיך אַפֿילו פּרויוו אַליין ניט געפֿאַנגען,
אָבער איצט בין איך געווען „אין פּלען" בײַ זײַנעם אַ שילער: —
„געדענקט", וואָרנט דער דאָקטער, „פּאַקטן דאַרפֿן רעגולירן
פּאַרלאַנגען"
דאָס מיינט — איך מוז לעבן שטילער און שטילער.

„דאָקטער" — פּרוּוו איך פֿון געוווינהייט עפּעס זאָגן, —
„פּאַקטן קאָנען בלויז פּאַקטן דערקלערן,
אָבער איך האָב געהערט אַלע וועלטן קלאָגן
און ניט מײַנע — זײַנען מײַנע טרערן.
אָ, דאָקטער, איך ווייס, איר פֿאַרשטייט אַ סך
און איך קאָן פֿון אײַך גאָרניט פֿאַרבאָרגן,
אָבער מיר רעדן ניט די זעלבע שפּראַך,
איך ווייס ניט ווי צו לעבן אָן זאָרגן"...

דער דאָקטער באַטראַכט זײַנע הענט, מיך, אַ פֿליג,
און ער רעדט רויִק, רויִק אין דער לופֿט אַרײַן:
„איר לעבט אין אַ פּריוואַטן קריג
און... איר ווילט ניט אויפֿהערן אײַער אייגענער שונא צו זײַן".

ער גייט אַוועק לאַנגזאַם, פֿרײַנדלעך, גרויס,
און איך האָב ניט וועמען צו דערקלערן,
אַז איך גיי ניט פֿון דער קרענק, נאָר פֿון דער היילונג אויס.

קאַרנאַוואַל

דער קאַרנאַוואַל האָט פאַרפלייצט אַלע שוועלן,
זײַן האַרץ — אַ ווילדע בוידעם־קאַץ,
די פינצטערניש הענגט אַראָפּ אין שווערע קרעלן,
די שטאָט טאַנצט אויף אַ זילבערנער טאַץ.

מאָנומענטן נעמען רייזן צו זיך אַליין,
מותים ווערן אין ווירבלדיקע רינגען אַרײַנגעצויגן,
אַ סאַקסאָפאָן פּרוּווט דעם זין פון לעבן דערגיין,
און ווערטער קוקן מיט נאַקעטע אויגן.

עס פּלאַצט דער צעמענט, עס כאָרכלען קאַנאַלן,
אַן אייזערן בעטל כאַפּט אַרום אַ זײַדענע ברוסט,
כמאַרעס פאַלן.
משוגעים־הײַזער ווערן פּוסט.

אויסגעשפּילטע שפּילן — שפּילן זיך איבער,
פון ביבליאָטעקן שפּרינגען אַרויס סיוזשעטן,
רויזן זיפצן און גייען אויס פון פיבער,
ליאַלקעס ציִען די פּאַרוקן פון בייזע פּאָרטרעטן.

און פּלוצים — די נאַכט ווערט שיטערער ראָז,
אַ דאַרער, פאַרקנעפּלטער מאָנטיק קומט אַרײַן,
ער הוסט, שעלט, שנײַצט די רויטע נאָז.
צוויי פליגן ליגן דערטרונקען אין נעכטיקן ווײַן.

דאָ

אַלע האָבן דאָ
צו עפּעס פּאַרשפּעקטיקט,
און אַלע יאָגן זיך דאָ
עפּעס איבערצויאָגן,
דאָס געזאָגטע ווערט ניט דערזאָגט,
דאָס ניט דערזאָגטע —
ווערט דער זין פון לעבן.

בײַנאַכט ווײנען דאָ שטײנער און פּענצטער
שפּרינגען אַראָפּ פון ווענט,
און אַלץ ווערט דאָ אַלט,
אײדער עס ווערט פּאַרטראַכט
און אַלץ, וואָס ווערט געמאַכט,
ווערט גלײַך איבערגעמאַכט.

הימלען, ווי פּעלן
צעפּליקט און אָפּגעשונדן
הענגען דאָ צו דיקע דראָטן
מיט דינע פּאַרבונדן.
זשאַווער עסט דאָס וואַסער.
דאָ איז דאָס לאַנד פון קאָסמישע װוּנדן
און פון אַ געשיכטע,
וואָס האָט פּאַרגעסן איר פּאַרפּאַסער.

די לבנה ווערט דאָ
דיזענפּעקצירט,
און יעדער פרײַע שעה
ווערט דאָ
פון אַן אײדעלן אומזין פּאַרפירט.

דער טעלעפאָן

נאַכט. אַ טעלעפאָן פאַרנאַגלט צו אַ וואַנט,
אַ בענקשאַפט אין אַ מעטאַלענעם קלייד.
צײַט שרײַבט געשיכטעס מיט אַ געליימטער האַנט,
יעדער געשיכטע וויל געפינען דעם קוואַל פון פרייד.

„זאָג עפּעס, זאָג" —
צעקלינגט זיך אַ טעלעפאָן שאַרף, אָפּגעריסן,
אַ ווינט טוט איבער דעכער אַ יאָג,
שליסלען נעמען פאַרשלאָסענע טירן פאַרשליסן.

ווידער אַ קלונג:
„העלף, איינזאַמקייט איז די ערגסטע נויט
און איך... איך בין אַזוי יונג"
ווידער שטילקייט — אַ לאָמפּ אָן אַ קנויט.

דאָס טרײַבל שטיקט זיך מיט לופט,
דער גאָרגל — הוילער דראַנג,
דאָס מויל פּרוּווט עפּעס זאָגן און פּרוּווט
און בלײַבט פאַרגליווערט אָן אַ קלאַנג.

„אָן אַ קול איז פאַרגליווערט די צײַט.
אָ, ווער האָט מיך מיט פרעמדע געשרייען באַצוווּנגען?"
דער טעלעפאָן שטאַרבט, און ערגעץ ווײַט
האָט זיך אַ צווייטער וועגן אַ צווייטנס לעבן צעקלונגען.

טרייסט

ווו מיר האָבן געלעבט האָט מען אונדז פאַרגעסן,
ווו מיר לעבן — וויל מען אונדז ניט געדענקען,
אויך שאָטנס קאָנען זיך מיט איינזאַמקייט איבערעסן,
און פאַרלירן דעם שכל־הישר פון צופיל בענקען.

און דאָך ווייס איך, די צוקונפט וועט אונדז ווידער אַנטדעקן,
און מיט נײַע דאַטעס און פרישע פּרטים באַצירן,
געשיכטלער וועלן דעם שטויב אויפוועקן,
און פאַר דער האַנט צו לעקציעס אים פירן.

און מיר וועלן נעמען לעבן ווידער,
דאָס מאָל — אין זיבערע ווענט פון דאָקטאָראַטן,
זײַטלעך פון ביכער וועלן פאַרבײַטן צעפאַלענע גלידער
און קיינער וועט מער ניט קאָנען אונדז פאַרראַטן.

צוריק

איך בין צוריק אין דער שטאָט
פון מיליאָנען פאַרריגלטע טירן,
קיינער לאָזט דאָ ניט איבער קיין טראָט,
דאָ איז דער פּלאַץ פון פאַרלירן.

בלינדע רעסטאָראַנען, קראַנקע וואָקזאַלן,
אַ ווײַט אָן אַ חלום, בײַמער — אָן גלויבן,
לאָמפּן מיט דראָטענע שטראַלן
און פנימער — צעפּלאַצטע שויבן.

איך טויש מיט באַקאַנטע אויס אַדרעסן,
פון ערטער, ווו די לופט איז יונג און צעבלויט.
מענטשן טאַנצן דאָרט, לאַכן און עסן
און פאַרגעסן, אַז זיי זענען טויט.

אַדרעסן

איך גיי היינט ווידער צו מײַנע אַדרעסן,
מיט אַ פּריוואַטן שמייכל באַגריסט מיך יעדער טיר.
איך באַריר קליאַמקעס, איך טאָר זיי ניט פאַרגעסן,
זייער שטומקייט פיבערט אין מיר.

פנימער און פנימער, און ווער איז אַוועק און ווער איז נאָך דאָ?
און ווער, ווער פון די דאָזיקע קאָן זיך נאָך פאַרשטיין?
האַרבסטיק רעגנט די צײַט, אַ געמיש פון אומעט און גראָ,
דאָס האַרץ וויל און וויל ניט אין דער פוסטקייט פאַרגיין.

„עפן, עפן אַ צימער, פּרוּוו עפּעס זאָגן,
ווײַז, אַז דו קאָנסט פאַרקערן אַ דיל, מאַכן אַ בעט,
פאַרמישן אַ קאַווע, אַ צײַטונג לייענען, פליגן פאַריאָגן,
זאָג; „איך געדענק", איידער ס'ווערט שפּעט".

אָ, ווּ געפינט מען דעם פרילינג פון אַמאָל בלויז אויף איין טאָג?
און די פּאָן פון אַמאָל און די פאַרליבטע הענט?
היינט וועגט מען געטרײַשאַפטן, ווי פּראָשקעס אויף אַ וואָג,
און דער אמת, ווי אַ חורבה, שטייט צענומען און פאַרשעמט.

צוריק אין שטוב, צייכן איך אָפּ באַזוכטע אַדרעסן,
איך מאַך נײַע רשימות — יעדער טיר וואַרט.
עמעץ לאָזט מיך ניט פאַרגעסן,
אַז אונדזער יאָרהונדערט האָט זײַנע בעסטע זין אָפּגענאַרט.

יאָרטאָג

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן,
און מיר זײַנען אַלע דאָ
אין דער גרויסער שעה.

פּאַרפּוצט אין די בעסטע קליידער
יעדער מיט אַ יום־טובדיק געזיכט,
צינדן מיר די ליכט.

וואָס איז געשען — איז געשען,
וואָס געשעט — קאָן קיינער ניט פֿאַרשטיין,
לייענען מיר נעמען פֿונעם טויטן שטיין.

דער ווינט רײַסט דעם דאַך,
מײַז וואַרטן אין קעלער,
און די פֿלאַמען טאַנצן העלער.

צעקלאָגט זיך עמעץ און ווערט שטיל,
בליפּעט שטילקייט פֿון זיך אַליין,
און נעמען בלוטיקן אין קאַלטן שטיין.

דערקלערט אַ שטים פֿון דער בימה: —
„מאָרגן וועט זיין בעסער"
און די נאַכט שלײַפֿט אַ לאַנג מעסער.

דער זייגער האָט ווידער אויסגעשלאָגן,
לויפֿן מיר אַלע צוריק צו אונדזערע שטיבער,
און אין פּוסטן זאַל קלאָגן אָפֿענע גריבער.

אַ נאָמען צווישן נעמען

שטאָט פון גראַניטענע אומעטן
און פון צעשניטענע שמייכלען,
איך וואָגל דורך דײַנע גאַסן,
עפן דײַנע טירן
און רעד דײַן שפּראַך.
איך בין איינער
פון דײַנע קינדער
איך אַרבעט, בײַט שטעלעס,
און געפין זיך אָפּ
אין טעלעפאָן־ביכער.
אַ נאָמען צווישן נעמען.

און פון יענער זײַט שערבלאַט —
געהייל און רויך
און קאַוועס און רעגן.

„וואָס טו איך דאָ?" —
פרעג איך, ווי אַלע פרעגן,
און ווי אַלע ווייס איך
דעם ענטפער. אַהער
קומען די, וואָס האָבן ניט
וווּהין צו גיין.

אין צען יאָר אַרום,
אין צוואַנציק, אין הונדערט,
וועט עמעץ גיין דורך די זעלבע גאַסן,
ווו איך בין געגאַנגען
און פרעגן די זעלבע פראַגע
און וויסן דעם זעלבן ענטפער.

און ווי איך וועט ער קוקן אין שפּיגל
און אָפּווישן דאָס בלוט
פון אַ צעשניטענעם שמייכל.

גוט צו טרעפן זיך ווידער

איך נעם דיך אַרום און עס שמייכלט דער צימער,
פון פענצטער שפּרינגט קעציש אַראָפּ די אָוונטיקע שעה,
איך ווער ווידער יונג — אַ באַשיידענער באַרימער
און אַלץ איז דאָ דאָ, וואָס איז נישטאָ.

פרימאָרגן איז די שטאָט אַוועק צום ים,
איצט קומט זי צוריק מיט געבאַפּטע פיש און אומעטיקע שטערן,
די פאַרגאַנגענהייט איז אַ צאַפּלענדיקער פלאַם,
די פיש גלאַנצן, ווי טרערן.

דו זאָגסט, ס'איז גוט וואָס מיר טרעפן זיך ווידער,
און ס'איז גוט, וואָס די וועלט איז ניט אונטערגעגאַנגען,
כ'ווייס ניט פאַרוואָס, מיר ווילט זיך הערן בלאָקס לידער,
אפשר, ווײַל ר'איז פון צו פיל גוטסקייט אויסגעגאַנגען.

ביסט נײַגעריק צו וויסן, צי כ'וואָלט דיך דערקענט אין גאַס,
געוויס, טײַערע, דײַן קליידל איז נאָך אַלץ פול מיט ווינט,
אָדם און חוה זענען גאָטס וווּנדערלעכסטער שפּאַס, —
צוויי פיש פרעגלען זיך אין קיך אַצינד.

וואָס ווילסטו, שוואַרצער גאַסט?

מײַן פרײַנד, מײַן פרײַנד
איך בין זייער, זייער קראַנק.
ס. יעסיענין.

שוואַרצער גאַסט,
פאַרוואָס לאָזטו מײַן קאָרטן־שטיבל ניט רויק שטיין?
וואָס וויל דײַן ווינט
פון מײַנע טעג און נעכט?
איך ווייס, איך בין אַליין,
דו דאַרפסט עס מיר ניט געבן
יעדן יום־טוב און שבת
אויף ס'ניי צו פאַרשטיין.

שוואַרצער גאַסט, פאַרשווינד, פאַרגיי!
דו האָסט אַ שווער בוך פאַרפאַסט,
צווישן אַלע אומגליקספאַלן —
מײַנעם אַרײַנגעשריבן,
אָבער איך האָב מײַן זײַטל אַרויסגעריסן,
בלויז מײַן שורך איז ערגעץ ליגן געבליבן,
דורך אַ הינטער טיר בין איך אַנטלאָפן,
גיי, פאַרשווינד, לאָז מיר שלאָפן.

צעוואַרף ניט מײַנע רענצלער,
לאָז מײַנע ברילן ליגן, ווו זיי ליגן,
ענטפער ניט מײַנע בריוו,
וויש ניט דײַן בלוט אין מײַן העמד,
כ'וויל גלאָצן צום סופיט,
כ'וויל לויבן די פרעמד,
מײַן צײַט האָט אָן מײַן וויסן פאַרבליט,
כ'וויל סענטימענטאַלע ראָמאַנען לייענען,
גיי, פאַרשווינד, שוואַרצער גאַסט,
לאָז מיך וויינען,
ווי פייגל זינגען,

לאָז מיך דאָס לאַנד פון שאָטנס געפינען.
לאָז מיך לעבן אָן אַ זינען.
גלייך ניט אויס מײַן קרומקייט
און פאַרטײַטש ניט מײַן שטומקייט.
און שפיל זיך ניט יעדן אָוונט
מיט מײַן קיך־מעסער,
איך טראָג אַ רשימה פון שניטן,
פון זיך אַליין
ווערן זיי גרעסער און גרעסער.

פאַרוואָס קריכסטו צום סופיט ?
פאַרוואָס הענגסטו פונעם לאָמפּ אַראָפּ ?
וואָס זעט דײַן דריט אויג ?
פאַרוואָס לאָזט דײַן שמייכל מיך ניט אָפּ ?
שוואַרצער גאַסט,
וואָס ווילסטו פון מיר, וואָס ?
דער שונא האָט מײַן שטאָט פאַרטיליקט,
מײַן צונג אַרויסגעריסן,
נאַקעט האָט מען מיך דורכן פעלד געטריבן,
איך בין געשטאָרבן,
בלויז די נאַקעטקייט איז פאַרבליבן,
זי ליגט איצט אויסגעצויגן אויפן בעט,
ס'איז שפּעט,
לאָז מיך שלאָפן.
וואָס האָט געטראָפן,
וועט טרעפן ווידער און ווידער,
טראָג דעם נביא'ס צאָרן
און אַ מאַמעס קינדער־לידער.

פאַרוואָס ציסטו מײַן קאָלדרע ?
פאַרוואָס פאַרוויקלסטו מיך
אין אַ ברענענדיקער כמאַרע ?
אפילו אַן אַרעסטאַנט האָט אַ נאַרע,

אפילו אַ ראָב — זײַן נעסט,
פֿאַרוואָס האָסטו מײַן האַרץ
צווישן דײַנע פֿינגער פֿאַרפּרעסט ?
פֿאַרוואָס בין איך אַזוי קליין געוואָרן ?
פֿאַרוואָס איז אַזוי גרויס
מײַן יעדער חסרון ?
וואָס ווילסטו פֿון מיר ?
פֿאַרוואָס רײַסטו זיך אַזוי ווילד
דורך מײַן אָפֿענער טיר ?

גיי אַוועק,
נעם, נעם, וואָס דו ווילסט,
נעם אַלע מײַנע אַדרעסן
צו איידעלע פֿרײַנד
פֿון ווערעם,
בײַם לעבן אויפֿגעגעסן —
צו געליבטע,
וואָס איך האָב פֿאַרגעסן ;
צו חלומות, וואָס זײַנען
ערגעץ צווישן גיפּטיקע זומפּן
געבליבן פֿאַרזעסן.
נעם אַלץ וואָס איך באַזיץ,
אַ פֿאַרגליווערטן צאַפּל,
אַן איבערגענוצטן וויץ,
אַ זון, וואָס גייט ניט אויף,
אַ רעגן — טרוקענער פֿון זאַמד,
אַ שטיין, וואָס קריכט באַרג אַרויף,
אַ מאַפּע אָן אַ לאַנד,
אַ רעכטע האַנט
וואָס דערקענט ניט די לינקע האַנט
אַ בענקשאַפֿט, ווי אַ בוים,

מיט דער קרוין אַראָפּ,
און מיט די וואָרצלען ארויף,
נעם אַלץ, אַלץ
און בינד עס מיט אַ שטריק צונויף,
און טראָג זיך אָפּ,
שוואַרצער גאַסט,
בייזער אורח.

וואָס ווילסטו פון מיר?
וואָס?
פאַרוואָס שפּילסטו זיך מיט עפּעס,
וואָס האָט ניט קיין נאָמען?
פאַרוואָס ציטירסטו פאַר מיר
שיר־השירים?
מײַן שולמית אַרבעט אין אַ מושב־זקנים
און מיר גייען צו רעפּעראַטן אין איינעם.
און מיר רעדן וועגן סטאַלינען.
זי מיינט, אַז ער איז געווען אַ דײַטש,
און איך ווייס מער ניט דעם פּראָסטן טײַטש
פון מענטשן.
וואָס ווילסטו פון מיר
שוואַרצער גאַסט?
איך קאָן בלויז קללות בענטשן.

פאַרוואָס האָסטו ברענענדיקע ליכט
איבערן צימער צעשטעלט?
איך וויל אויסגיין טונקל
אין אַ פאַרטונקלטער וועלט.
זע, דער וואַקס איז אויסגערונען,
ווי קומט וואָס די קנויטן ברענען פון זיך אַליין?
שוואַרצער גאַסט, זלידנער אורח,
איך וויל דײַן משל ניט פאַרשטיין.

דאָ און דאָרטן

מען האָט אונדז דאָרטן לויטן לוח,
(ווי אַ חוב צום פֿאָטערלאַנד)
אין גאַס ביזן ביין פֿאַרשעמט,
און לויטן זעלבן לוח,
(ווי אַ חוב צו דער צוקונפֿט)
פֿון קאַטעדרעס פֿאַרמשפּט צום טויט.
אַן אַלטע טראַדיציע האָט באַשטימט,
אַז מיר ווערן רייך פֿון פֿרעמדער נויט...
דערפֿאַר איז אונדז ליב אינעם נייעם לאַנד,
די רעקלאַמע, דער הו־האַ און אפֿילו
די איינזאַמקייט פֿאַרבאַקן אינעם ברויט.

דאָך ליבע, ווי אַ בוים,
קאָן וואַקסן, בליִען און קאָן
איבער נאַכט נעמען דאַרן.
אונדזער וואָרצל איז דערלאָפֿן צום גראַניט,
אונדזער קרוין האָט פֿאַרשניטן דער ווינט,
און וואָס מער מיר פּרוּוון זיך נאַרן
אַלץ העכער קלאָגט בײַנאַכט דאָס גרויע קינד.

ווײַל מיר האָבן אין אַ ניט־ווײַטן אַמאָל
אַ חלום געחלומט,
אַ שפּראַך אים געגעבן
און לעבן,
ווײַל מיר האָבן אין גערא‌נגל
די וווּנדן ניט געציילט,
האָט מען דאָרטן נאָכן נצחון
צווישן געפֿאַלענע מעדאַלן פֿאַרטיילט.
אָבער, ווען די פֿינצטערניש איז צוגעפֿאַלן

האָט מען צוריק אָפּגעזיגלט
די פאַרסמטע קוואַלן.

דערפאַר בענטשן מיר דעם ים
וואָס האָט אונדז דערטראָגן
צו די־אָ נײַע ברעגן,
דאָ דאַרפן מיר זיך ניט פאַר פרעמדע זינד
אין האַרצן שלאָגן.
און מיר ווערן ניט געמשפּט
פאַר צו פיל היץ, פאַר צו פיל קעלט,
פאַר צו פיל רעגן.

דאַר, ווען מיר וואָגלען
פאַזע דעם ליבטיקן האָדסאָן,
פאַרשטייט בלויז דער אומעט
דאָס לשון פון אונדזערע טריט.

דאָרטן האָט מען די שפּראַך אויסגעריסן,
דאָ — ווי אָפּגעטראָגענע שיך פאַרגעסן,
דאָרטן האָט שׂנאה פאַרטאָפּטשעט דעם צוויט,
דאָ האָט אַ בוכהאַלטער דערוויזן,
אַז מען קאָן אים ניט עסן.

אין דרײַ דורות איז דער שטורעם אויסגעגאַנגען,
פון נעסטן האָבן זיך אויסגעפּיקט
פייגל אָן פליגל, זינגער אָן לידער, זקנים אָן אַ זכרון,
דאָס געוויסן האָט זיך מיט צדקה־פּושקעס אַרומגעהאַנגען,
אַוועק אין מדבר איז דער ברענענדיקער דאָרן.

דער נביא פון מאַנהעטן

ווי אַ בייזער ווינט האָט אַלטקייט געשלאָגן זײַנע טריט,
די רויטע, מעכטיקע באָרד איז שטעכיק און שיטער געוואָרן.
ס'האָט דער נביא זיך מער ניט געקריגט מיט די הימלען,
האַרבסטיקע רעגנס האָבן געפּײַקלט אין הויקערס פון יאָרן.

זײַן לאַנדשאַפט: וואַקזאַלן, מערקלער, הויפלער און ראָגן,
ער האָט דאָרט געדרשנט ביז שפּעט אין דער נאַכט,
די משלים האָבן מענטשן געהערט, ווער ווייסט וויפל מאָל?
שדים מיט בײַכיקע ראַדיאָס האָבן אין פּנים געלאַכט.

„אָן ספק, גאָט, מײַן גאָט, דאַרף מיך מער ניט האָבן,
כ'בין אַלטפרענקיש געוואָרן, אַ זעקל מיט פּוסטע רייד". —
אָבער דאָס ווילדע האַרץ האָט געהאַלטן אין איין שלאָגן,
וואָרעניש און טרייסט האָבן זיך ווי אַ טעפּיך געשפּרייט.

„ר'איז אַ צאַרישער עמיגראַנט" — האָבן לײַט פאַרציילט,
און צוגעגעבן: „ר'איז דער דאָקטער, וואָס האָט פאַרסמט זײַן ווײַב"
ר'האָט געשעמט זיך צו פאַרטרויען: „כ'בין באמת אַן אמתער נביא,
און אַ שטאָפּל צו דער גאולה איז מײַן לײַב".

פון פּעדלען שנירלער, פּעדערס און קעמעלער האָט געסטאַיעט אויף
דירה און ברויט,
ר'האָט נאָך שטומקייט געלעכצט, אָבער די נבואה האָט
אַרויסגעשפּאַרט,
און אַזוי האָט די תנ"כישע פאַרבלאָנדזשעניש געוואַרט און געמאָנט,
און אויפן זיסן טויט געוואַרט.

„אַמאָל, אַמאָל" האָט ער געזיפצט „האָבן זיך נביאים געאַמפּערט
מיט גאָט,
יונג איז דאַן געווען די וועלט, ניט געפּלעפּט פון טעאָלאָגישע
טראַקטאַטן,

הײַנט זאָגן סטאַטיסטיקעס פּאַרויס וויפֿיל לײַט וועלן נעמען זיך דאָס לעבן,
און עדיפּוס הרגעט, לויט פּרוידן, יעדן טאָג זײַן טאַטן".

פּאַרהילט אין טונקלעניש באַטרעט ער זײַן היים.
צוועלף שאָטנס טאַנצן אים אַנטקעגן, לויטער איז די מײַזישע פֿרייד,
דער נביא סערווירט מילך און ברויט,
און בענטשט גאָט׳ס געשאַנקען מיט שטילע רייד.

שטילקייט

קירצער, קירצער
ווערט דער טאָג,
לענגער די נאַכט,
אַלץ צערינט,
די לעצטע וואָר
איז אַ זאַך
אויסגעטראַכט.
דער לעצטער ווינט
בלײַבט געפּענטעט
אין די צימערן
פֿון פֿאַרגליווערטן זכרון.
דער האָריזאָנט
איז די לעצטע בענקשאַפֿט
פֿון אַ דאָרן.
קירצער, קירצער
ווערט די פֿרייד,
לענגער דאָס פֿאַרשטיין.
אויפֿן הויכן באַרג פֿון רייד זיצט
די שטילקייט אַליין.

בריוו צו ניו־יאָרק

וואָס מער איך האָב דיך מיט מײַנע בריוו פֿאַרוואָרפֿן,
אַלץ מער האָב איך מײַן פֿאַרלאָרנקייט געפֿילט,
ביז כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט און איין טאָג געזאָגט: —
„פֿאַרפֿאַלן, דו האָסט געוווּנען
און איך — פֿאַרשפּילט".

און גוט איז מיר געוואָרן
אַ פֿאַרשפּילטער די שפּיל
אויף ס'נײַ אָנצוהייבן.
דו שרײַבסט די שטאָלענע
כּללים פֿון דערפֿאָלג,
אָבער אָן כּללים
וואַקסט דער גלויבן.

פֿון דײַנע זאָרגן
האָב איך זיך אויסגעשפּאָנט,
דיינע חשבונות — פֿאַרגעסן.
אַ מענטש מוז ניט מיטן טעגלעכן ברויט
זיין לונג־און־לעבער עסן.

אין מיטן געדראַנג
האָב איך מײַן פֿרײַהייט געפֿונען
און געבליבן שטיין,
די גאַס האָט געפֿיבערט
זיך איבערצויאָגן אַליין.

און שווייס און שטויב
האָבן זיך אויסגעמישט
מיט נעאָן־ליכט און געוויין.

איך האָב אַ נעלקע געקויפט
פאַר מײַן פרײַהייט געקניט,
די אומזיניקע פרייד
האָט באַזיגט
דעם לאָגישן גראַניט.

אַ מענטש קאָן זיין וואָס ער וויל: —
אַ שוואַלב, אַ שוועל,
אַ טרעפּל, אָדער אַ גרוב;
אַ פאַרמאַכט
אָדער אַ פאַרטראַכט בוך,
אַ מדבר, אָדער אַ שטוב.

שטאָט, אָפּגעטאָן האָט זיך פון מיר
דײַן מאַכט,
און כאָטש איך בין אַ נומער
צווישן מיליאָנען נומערן,
האָט דער נומער
אַ ליד פאַרטראַכט.

שיינקייט

„טאַטע, וואָס איז שיינקייט?
דו האָסט געמאָלט אַ גאַנצן טאָג,
איצט איז טונקל,
און כ׳זע ניט דײַן בילד.
קאָן איך דאָס, וואָס מען זעט ניט
זײַן שיין?
איז מײַן מאַמע שיין?
איז זי אַזוי שיין,
ווי די בלומען אויף איר קבר,
אָדער איז זי נאָך שענער?
טאַטע,
בײַ נאַכט איז אַ פרוי געזעסן אין קיך,
ניט מײַן מאַמע, אַ פרעמדע פרוי,
האָב איך זי געפרעגט:
ווער ביסטו?
האָט זי געענטפערט:
כ׳בין קיינער ניט,
יינגעלע, יינגעלע, יינגעלע — האָט זי געענטפערט,
האָסט מיך אויסגעטראַכט.
טאַטע,
פאַרוואָס טראַכט איך אויס זאַכן?
פאַרוואָס טראַכט איך אויס זאַכן
וואָס שרעקן?
טאַטע,
ווי אַזוי טראַכסטו אויס בילדער?
שיינקייט שרעקט ניט,
אמת, טאַטע, שיינקייט שרעקט ניט?״

— „יאָ, זונעלע, שיינקייט שרעקט ניט,
שיינקייט איז דער שמייכל פון דערשראָקענע״.

דאָס האַרץ איז אַ פאָרם



דער וואָלף

דאָס בילד איז פֿאַרענדיקט.
און פֿליט, ווי אַ פֿלעדערמויז אַרײַן,
מיט ווייבן מאָך ווערן פֿאַרוואַקסן די ווענט,
דער מאָלער שלאָפֿט אַ מידער אײַן.

אין חלום גוסט אַ וואָלף,
די צונג וואַרפֿט זיך צווישן די ציין,
דער מאָלער וויל פֿונעם וואַלד אַרויס,
אומזיסט — דער וואָלף איז ער אַליין.

אַ סקולפּטור

איך באַקוק אַרום אַ סקולפּטור: —
אַ בלעטל אויסגעהאַקט אין מירמלשטיין,
די זאַפֿטיקע גרינקייט איז פֿאַרשוווּנדן,
די האַרטקייט וויל ניט די ווייכקייט פֿאַרשטיין.

האָט דער סקולפּטאָר אַ טעות געמאַכט?
איך באַריר די ווײַסקייט קוים, קוים פֿון אויבן,
און אַלץ ווערט קלאָר: דער שטיין פֿאַראייביקט
אַ בלעטלס גלויבן.

גאָיאַ

איך האָב געענדיקט מאָלן
(ניט גאָיאַ אין מאַדריד)
בלויז אַ ווילנער ייִנגל
פֿון צו פֿיל אַמאָלן
צעטומלט און מיד.

די לײַוונט האָט געצאַנקט
און אומעט האָט געטריפֿט,
ווי וואַקס פֿון אַ ליכט.
(אָבער אפֿילו אומקום אַליין
מוז האָבן אין אַ בילד
אַ גלײַכגעוויכט.)
און כ'האָב אין אַ בוידעם־פֿענצטער
אַרײַנגעמאָלט גאָיאַס געזיכט.

און דאָס איז די געשיכטע,
ווי דער מײַסטער
איז מיט מײַן שטאָט געוואָרן באַקאַנט,
דער גאַסט — פֿאַרהוויקערט
און טויב ווי די וואַנט,
האָט געשאָקלט „יאָ" צו אַלץ
וואָס איך האָב אים באַוויזן,
דערנאָך אַרויסגעכישופֿט דעם פּענדזל
פֿון מײַן האַנט,
און אַלע שאָטנס פֿאַרוואַנדלט
אין ריזן.

יאָרן און יאָרן שפּעטער
האָב איך אים ווידער

אין זײַן פּראַדאָ געטראָפן,
ער האָט באַגריסט מיך ווי אַ קרוב,
געמיטלעך, מידלעך און צופרידן.
און כ'האָב געקוקט אים
אומפאַרשעמט און אָפן
פאַרן ווײַזן, ווי אָפענע וווּנדן,
איבערצומאָלן אין ריזיקע ייִדן.

אַ שטיללעבן

אַ טישל, אַ קריגל מיט אַ כריזאַנטעמע,
אַ ביכל און אַ טישטעך מיט אַ פלעק,
שטילע עדות פון אַ געוויינלעכער טעמע,
דער מאָלער איז ערגעץ אַוועק.

„וואָס זוכט ער אין דער בלינדער ווײַט?" —
אַ בילד ווייסט ניט וועגן שטאַרבן;
אָבער אַ מאָלער האָט זײַן לעבנס־צײַט,
זי איז בלויז צײַטלאָז אין זײַנע פאַרבן.

פאַרבן

ווערטער קאָנען דערציילן אַ געשיכטע
און אויסלייגן אַ געדאַנק.
פאַרבן קאָנען בלויז לעבן און שטאַרבן
און זאָגן איינס: „אַ דאַנק״.

„איך האָב ליב בלאָ, שמייכלט אַ פרוי,
„און איך געל״ זאָגט איר קינד.
איך שווייַג.
אַלע פאַרבן בעטן זיך בייַ מיר:
„פריי זיך, ביסט ניט בלינד״.

חלום — בלאָ און געל — געשריי
מישן זיך אין אַ גרין איבער,
גראָז איז דער שמייכל,
וואָס איז גובר דעם קומער פון גריבער.

רויט איז די קייַלעכדיקע זעט פון זונפאַרגאַנג,
ברוין — די זידנדיקע פעל
פון אָקסישן דראַנג.

שוואַרץ איז אַליינקייט,
ווייַס — לעצטע אייניקייט.
גרוי — אַ פאַראַשט געפיל,
פיאָלעט — אַ צער, וואָס צויבערט שטיל.
גאָלד — אַ שימער פון זייַן אייגענעם צויבער געפאַנגען,
אַ רעגנבויגן — די האַרמאָניע פון אַלע פאַרלאַנגען.

פאַרבן רעדן ניט וועגן אָנהייבן און סופן,
זיי זענען טירן — שטענדיק אָפן.

דיעגאָ ריווערא

1
האַלב ריז, האַלב קינד,
אַ העלפאַנד פאַרליבט אין אַ רעגנבויגן;
אַן אויג, וואָס וויל אַלץ פאַרשלינגען
איידער עס פאַרשווינדט, —
אַ דעמפּער, הייסער, האַלב־טראָפּישער ווינט.
דיעגאָ ריווערא.
אַ זייגער, וואָס וויל איבעריאָגן די צייט,
אַ האַרץ, וואָס וויל זיין אַ פויסט,
אַ פויסט וואָס וויל זיין אַ בלום,
און ליפּן רויטע, דיקע, וואָס זאָגן:
„קום, קום, קום,
פרייהייט, פרוי, פאַרב, פרייד,
גיב, כאַפּ, נעם אַרום
איידער דו און איך,
צוויי ווונדערלעכע פליגן
קומען אום".
מעקסיקאַנער ווינט,
האַלב ריז, האַלב קינד.

2
„יאָ" מורמלט דער מאָלער
צו דער רויטער פאָן אינעם בילד,
אָבער אַ פראַגע פויזעט אַן
לאַנגזאַם און שווער:
„אָ, ווער, אָ ווער
דאַרף צווישן אַלע לאָזונגען און שילדן אַ נייע שילד?"
ער קלערט אַ רגע און ענטפערט זיך אליין; —
מיין בילד וועט זיין מער,
מיין בילד וועט זיין — אַ געווער".

געשטאַלטן פון פויערים, זעלנער און פערד
פאַרפּילן די ריזיקע פלאַכן —
„די רעוואָלוציע האָט די געשיכטע פון דורות איבערגעקערט,
איבערגעמאָלט מוזן ווערן אַלע זאַכן.
פנימלאָז איז די וועלט אָן דעם קינסטלערס האַנט".
דיעגאָ פאַרשטאַרקט דעם אויספּיר מיט אַ ניַי געשטאַלט,
ער שמייכלט צו דער פאַרמאָלטער וואַנט.
אַצטעקישע אויגן בליצן אַרויס פונעם אייביקן, טונקעלן וואַלד.

„דאָס בילד איז מיַין לאַנד,
און מעקסיקע — די אָפענע ווונד.
די ציַיט פון היילן איז ענדלעך געקומען.
זאָל פּיקאַסאָ זיך פאַרשפּאַרן
אין קלוגע, דורכזיכטיקע קובן,
זאָל ברעטאָן זיך פאַרוויַילן מיט פרוידן,
און דושאַם מיט דעם ווערט פון שטויבן,
איך האָב געפונען מיַין גאַנג.
איך וויל זאָגן אַ דאַנק
צו אַ וואַסער — קאַלט
און צו אַ וואַסער — הייס,
צו אַלץ, וואָס הייבט זיך אויף
נאָך דעם ווי עס פאַלט
און צו אַלץ, וואָס ווייסט דעם טעם
פון צאָרן, הונגער, בלוט און שווייס".

דיעגאָ מאָלט הוערטאַ מיט אַ פּנים פון אַ הונט,
מאַדעראָ, קאַראַנצאַ — מיילער, נעזער און אויגן,
די לאַנדשאַפט פאַרפּילט זיך מיט מענטשלעכן בונט,
ביקסן מישן זיך אויס מיט פיַיל־און־בויגן.
סאַפּאַטאַ וואַרט, שלאַנק איז דער ריטער
פון דער פאַרגעוואַלדיקטער ערד,

גרין — זײַן חלום, רויט — זײַן קוש, ווײַס זײַן פּערד.
דער מאָלער שטעלט זיך אויף,
ער קוקט אַראָפּ,
אַרויף,
פּלוצים,
עמעץ האָט פּאַרנומען זײַן אָרט —
אַ מאַן מיט אַ געטאָקטן, געטלעכן קאָפּ.

„העי, וואַרט, ס'איז מאָדעליאַני,
מײַן ערנוואָרט".

אויפן בלייכן העמד — דרײַ רויטע פּלעקן,
טרערן פון לונגען,
די ליפּן שמייכלען און פּרווון פּאַרדעקן
עפּעס, עפּעס, וואָס איז ניט געלונגען.

„העי,
וואָס ברענגט דיך צוריק צו אונדזער וועלט,
אַ, מאָדי, מאָדי,
געדענקסט ווי מיר האָבן געטרונקען צוזאַמען,
געליבט צוזאַמען,
געדענקסט, געדענקסט די פלאַמען,
געדענקסט די קעלט?
מאָדי, מאָדי,
מעקסיקע איז איצט מײַן וועלט,
דאָס וואַרעם געביין פון מײַן מאַמען,
יעדער טאָג געפין איך זיך דאָ ווידער
און ווידער,
עס בענקט די מענטשלעכע געשיכטע
נאָך גוטע נײַעס און נאָך נײַע לידער".

מאָדי קוקט און שווייַגט און הוסט,
יעדער קלאַנג פאַלט צום דיל
און צעפּיצלט זיך ווי דינער פּאָרצעלאַן,
סאַפּאַטאַ ליגט טויט הינטער אַ קוסט,
און דער קוסט קושט אים שטיל.

„העי, מאָדי, פאַרוואָס ווילסטו גאָרניט זאָגן?
קונסט קאָן זייַן אַ שווערד.
כ'בין מיד פון עסטעטישן קלאָגן.
כ'וויל פאַרמען, ווי גרודעס ערד,
מיט דונערן רעדט די צייַט,
די ליריק דאַרף ביקסן ניט שטערן,
כ'האָב די דיאַלעקטיק פון לעבן פאַרדייַעט,
טשוועקעס האַלטן געביידעס, ניט טרערן".

„מאָדי, זאָג עפּעס,
דער זייגער האָט ווידער געשלאָגן,
און דייַן שווייַגן איז ערגער
פון דעם ערגסטן קלאָגן".

מאָדי פאַרווישט דעם לייבעץ אויפן דיל
און קוקט אויפן שור פאַרהויקערט און שטיל.
פלוצים רייַסט ער זיך אויף. דיעגאָ כאַפּט אָן זייַן האַנט
אפשר צו פאַרהאַלטן אים, אָדער צו פאַרהאַלטן אים פון פאַלן.
מאָדיליאַני דריקט זיך צו צו דער וואַנט,
אין די אויגן גליווערן צוויי צעבראָכענע שטראַלן.

„דיעגאָ, מייַן פרייַנד,
אַמיגאָ,
דער ווינט האָט מיך אַהער פאַרטראָגן,
מייַנע רייד — בלויז ווינט,

וואָס זאָל איך זאָגן?
טויטע זענען בלינד".

אָבער דיעגאָ דריקט אים אַראָפּ צום שטול
און דער רוים ווערט מיט צוויי ריזיקע שאָטנס פול.

שמייכלט דער געקומענער, רויטע פּערל צווישן די ליפּן,
און די הויכע פענצטער נעמען, ווי בעסער, כליפּען.

„דיעגאָ, מאָלן, איך גלייב,
איז ניט קיין זאַך פון מאַרשירן, פירן,
אָדער פאַרשטיין,
עס איז, קאַריניאָ, פּראָסט און פּשוט —
אַוועקשענקען זיך אַליין,
עס איז אַ זאַך פון אַרויסהוסטן
די רויטע, טײַערע וואַרעמקייט
וואָס דערלויפט צו די ציין.
אָ, דיעגאָ, דיעגאָ,
מאָלן מיינט,
איין רגע, בלויז איין רגע
צווישן „יאָ" און „ניין"
פרײַ און אויסגעגלײַכט
און פאַרליבט צו שטיין".

„וואַרט, וואַרט" שרײַט דיעגאָ,
„איצט קומט מיר אַ וואָרט".
אָבער דער רוים פאַרשלינגט זײַן שטים
און פוסט איז מאָדעליאַניס אָרט.

על גרעקאָ

1

דער מײַסטער פּילט דעם סוף,
די שטילקייט אָרום איז פון אַן אַנדערער וועלט,
די ביימער בייגן זיך און שטומען,
דער שטח פאַרפּילט זיך מיט אַ מאָדנער, פּײַכטער קעלט.
דער מײַסטער קוקט אויף זײַנע הענט:
זיי צאַפּלען קוים, קוים, פון זיך אַליין,
וואָס ווילן זיי באַרירן?
וואָס ווילן פינגער פאַרשטיין?
„אָ, גאָט, מײַן צײַט גייט אויס,
און אָן מײַן צײַט — וואָס וועל איך ווערן?
מײַן האַרץ איז פרײַ פון יעדער שרעק,
בלויז דער מוח איז איבערפּילט מיט טרערן".

2

„על גרעקאָ" — „דער גריך" מיט אַ לאַנד
האָבן שפּאַניער מײַן נאָמען פאַרבונדן,
כאָטש איך האָב זייער שטאָט אויסדערוויילט,
דאָ לעבט מײַן רום, מײַנע פרײַנד, מײַנע וווּנדן.
און אפשר, אפשר זענען זיי גערעכט,
אַלץ, אַלץ גיסט זיך איצט צוזאַמען,
דער זקן איז איינצײַטיק קבר און וויג,
טויט צעברעכט אַלע מענטשלעכע ראַמען".

„איך בין צוריק איך, איך, בלויז איך,
אַ ציטער אָפּגעטיילט פון דער מאַמען,
דער ים האָט פאַרטראָגן מײַנע שיף
איך פּרוּוו איבערשרײַען דעם שטורעם:
גאָט, גאָט,
דאָס איז טעאָטאָקאָפּולאָס,

אַ יִנגל פון קרעטע,
מאַך מיר פאַר אַ מאָלער,
ווײַז מיר דײַן גנאָד,
זײַ מײַן טורעם,
אַנטפּלעק מיר דעם סוד
פון פאַרבן, פאָרמען און געשטאַלטן,
שמייכל צו מיר איין רגע בלויז,
און כ׳וועל זיך קיין מאָל
אפילו פון דײַן צאָרן ניט אויסבאַהאַלטן״.

„פון אדמען קום איך.
ליים, בלויז ליים איז דײַן קנעכט,
ווי קאָן אַ בלינדע וואָג זײַן גערעכט ?
ווי קאָן אַ שאַרפער הונגער וויסן
וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט ?
גיב מיר אַ צייכן,
שענק מיר אַן אויג,
וואָס געפינט דיך אויס אפילו אין ביינער
און זעט דײַן גאַנצקייט
אפילו אין צעבראָכענע זאַכן
און כ׳וועל ווי אַ געטרײַער וועכטער
שטענדיק וואַכן,
און מײַן יעדער בילד
וועט זײַן אַן אָנגעצונדן ליכט
צו באַלײַכטן די אייביקייט,
וואָס טראָגט די שטריכן פון דײַן געזיכט״.

3

„דו האָסט מיך דאָרטן, בײַם ים, אויסגעהערט,
און אין מײַן צײַט מיך געמאַכט
באַרימט, רײַך און פאַרערט,
אָבער דעם אומשולד, וואָס צאַנקט אין טאָלעדאָ,

און די פֿאַרברענטע גופים,
האָט מײַן פּענדזל שלעכט געדינט.
איך האָב געאַרבעט לאַנג און שווער,
יעדן גאָלדשטיק אין שוויס פֿאַרדינט,
אָבער אַן אויסגעמאָלטע טרער
קאָן אפילו אויף אַ קול ניט קלאָגן,
און דער וואָס זאָגט עס — האָט געזאָגט מער
ווי מען דאַרף זאָגן".

„מיט לײַוונטן האָב איך וענט און ווענט באַצירט,
צו פֿאַרגליווערטע זאַלן חלומות געבראַכט,
מײַן האַר, כ'האָב געגלייבט, אַז דו האָסט מײַן האַנט געפֿירט,
אָבער דער ניט־גוטער האָט אין מײַן רוקן צו אָפֿט געלאַכט.
הויך און שלאַנק האָבן זיך געשטרעקט מײַנע געשטאַלטן,
די מערדערישע ערד האָב איך אַוועקגעריסן פֿון זייערע פֿיס,
בלוט הינטער פֿאַלדן באַהאַלטן,
מען האָט מיך גערימט — און כבוד איז זיס.
אָבער איז זיסקייט דער טעם פֿון גלויבן?
איך האָב געוווּסט: שפּאַרבערס האָבן מיר געצאָלט
פֿאַרן מאָלן טויבן.
„דאָס יינגל, וואָס האָט אין קרעטע
פֿאַרלאָרן זײַנע שיך,
האָט אויסגעפֿונען, אַז לויבן דיך,
מיינט ניט אַלע מאָל
לעבן בשלום מיט זיך.

„קעניג פֿיליפּ האָט מיך ניט געוואָלט אין זײַן עסקאָריאַל
אָבער גיריק טיציאַנס און באַשעס בילדער געקויפֿט,
געוויס, טיציאַן איז גרויס, זײַנע לײַבער — רונד און געזונט,
אָבער מײַן לערער, טיציאַן האָט צו אָפֿט פֿאַרגעסן,
אַז די וועלט איז אַן אָפֿענע וווּנד
און אין באַשן האָט פֿיליפּ בלויז זײַן פּחד געפֿונען —

אַ ווײַסע לבנה האָט ווײַסע ליאַלקעס מיט ווײַסע פעדים
אַרומגעשפּונען".

„ווי פּאַרט זיך די ראָזע הויט פון אַ ווענעציאַ ווענוס
מיט די פאַרקוילטע ביינער פון אַ טאָלעדער ייד?
פיליפּ האָט פון ביידן געשעפּט אַ קאַטוילישן גענוס
און איך בין פון פרעגן און מאָלן האַלבע ענטפערס קראַנק און מיד".

„ווערטער קאָנען פירן און פאַרפירן
און די גרענעץ איז ווי אַ שײַבל דורכזיכטיק און דין.
אייראָפּע האָט פיליפּן באַטיטלט:
„שוואַרצער שפּין"
ער האָט קונציק באַוועגט זיך צווישן פאַרערונג און פאַרשווערונג,
צווישן צלם און שווערד,
ווי ווײַן געטרונקען די אייגענע שרעק.
און פאַרשיכּורט פון גרויל
געשפּאַנט איבער דער ערד.
אָבער איך בין
דאָמעניקאָס — קיריאַקאָס געהייליקט צו דיר,
מײַן פּענדזל
איז די אויסמעסטונג פון דײַן גנאָד,
וואָס האָט ניט קיין שיעור.
פאַרוואָס זשע האָט מײַן האַנט
ניט אויפגעשלאָסן כאָטש איין תּפיסה־טיר?"

„בײַם סוף פון די טעג נעם איך פאַרשטיין,
פאַרוואָס דער אַלטער מיקל אַנדזשעלאָ
האָט זיך אַזוי גבורהדיק
און אומגעלומפּערט
פאַרמאָסטן קעגן שטיין.
ער האָט געשלאָגן זיך אַליין.
ער האָט געלעבצט צו באַשאַפן,

ניט קיין פאָרם, נאָר אַ פאַרמלאָזן
שטיינערנעם געוויין".

„זי שטייט, די ראַנדאַניני,
מיט לעצטער גרויסקייט
איבערן אייגענעם פּײַן דערהויבן,
נאַקעט, היימלאָז, צעוווּנדיקט,
ווי אַ ניט־פאַרשוועכטער גלויבן".

„מײַן גורל איז געווען
אין לײַוונטן זיך צו פאַרקלײַבן,
פלאַכן זײַנען מײַנע אויסמעסטענישן געוואָרן,
כ׳האָב ניט געקענט מיט אַ האַמער
מײַנע ספקות פאַרטרײַבן.
פאַרבן פאַרטריקנט
צו אַ צעבויגענער פּאַלעטע
זײַנען מײַנע יאָרן.
און פערנאַנדאָ ניניאָ דע גועוואַראַ —
איך זע אים זיצן אין מײַן פּאָרטרעט,
קאַרדינאַל,
האָר איבער געוויסן און טויט,
באַשיצער פון גאָטס הויז,
פאַרגראָבן אין דער אינקוויזיציע,
ווי אין אַ לאָבן ברויט —
אַ מויז.
גועוואַראַ,
אייבער־בישאָף פון מײַן שטאָט.
טו איך און ער דינען
צו דעם זעלבן גאָט?
זײַנע אויגן קוקן
מיט אַ קראַנקן קאָליר,
און דאַר האָבן זײַנע קורצע פיס

מיך איבערגענומען אין מיטן גאַנג.
כ׳בין אַליין, באַזיגט פון יאָרן,
אַ היטער פון אַ שטומער טיר,
אָבער די גלעקער פון הייליקן דאָמינגאָ
און הייליקן טאָמע
זיינען זיין קול געוואָרן״.

„לאָז מיך ניט אין בלינדקייט פאַרבלייבן,
זאָג, ס׳איז ניט קיין חלום,
אַז דאָס לעצטע וואָרט איז מיט די פאַרטריבענע
און ניט מיט די, וואָס פאַרטרייבן״.

„זאָג מיר, אַז מיין בילד
איז ניט בלויז דאָס לאַנד פון שלאָף און פאַרגעסן,
און אַז כ׳בין ניט קיין דיקע שילד
פאַר די וואָס הערשן און מאָרדן
און ווערן ניט מיד דיין פלייש צו עסן״.

„אָ, אפשר בין איך אַן עובר־בטל, ניט מער?
אַ כלב, וואָס בילט אויפן אייגענעם שאָטן?
אַ האַרבסטיקע פליג — פון לאַנגן לעבן מיד?
אַ וואָרעם — האַלב לעבעדיק, האַלב צעטראָטן?
אפשר איז מיין אומרו ניט מער ווי אַ דינער ווינט,
וואָס פאַרשווינדט אָן אַ צייכן?
אָ, גאָט, זיי מוחל דעם זקן און דעם קינד
פאַרן ווילן דיך מיט ווילדע טענות דערגרייכן״.

„פאַרשטילט בין איך, איך וויל בלויז וויסן,
איז אַ זינד וואָס איך פרעג,
אָדער וואָס איך האָב צו לאַנג געוואַרט?
אָדער אפשר איז אַלץ אַ זינד,

ווײַל זינד האָט פּונעם ניט־זײַן דעם זײַן אַרויסגעריסן,
און קיינער קאָן ניט לעבן — ניט אָפּגעענאַרט?"

„דו שווײַגסט, מסתמא דאַרף אַזוי זײַן.
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם
גייען אויס אַלע פֿאַרלאַנגען,
וווּנדערלעך ווערט אפילו
דאָס ניט פֿאַרשטיין,
מיר האָט אַ חלום
אַמאָל געפֿאַנגען,
און גוט איז מיר אין טויט,
ווי אין אַ חלום צו פֿאַרגיין".

מאָל דעם טאָג בײַנאַכט

מאָל דעם טאָג —
בײַ נאַכט
און די נאַכט
בײַ טאָג,
אַ בילד
איז די לאַנדשאַפט
פונעם געדאַנק,
אַ ראָג,
וווּ די עלטער
האָט די יוגנט
פאַרבראַכט,
אַ פאַרברענטע טיר
פון אַ בענקשאַפט
צוריק אויפגעמאַכט.

מאָל ניט, וואָס דו זעסט,
מאָל, וואָס דו קענסט ניט
פאַרגעסן;
אַ גרעזל צווישן פעלדזן
פאַרפרעסט
די פרייד פון טיילן
מיטן וואָגלער דײַן עסן.

פאַרבן זײַנען נענטער
און ווײַטער
פון לײַוונטענע פלאַכן,
זיי אַנטפּלעקן
די נשמה פון זאַכן.

גרוי דערציילט
וועגן דער טויטער צײַט
פון אַ שטיין,
פיאָלעטער־ראָז —
וועגן דעם מאָרגן־הימל
וואָס וויל ניט לעבן אַליין.

מאַך דאָס אומבאַקאַנטע
באַקאַנט,
מאָל נעפּלען —
בריוו פון באַרג צום טאָל,
מאָל,
פון שטילקייטן דאָס קול
און ווידערקול,
מאָל דעם פאַרשטאַנד
וואָס מאַכט דעם פענדזל
דינען
דײַן האַנט.

צווילינגען זײַנען
שאָטן־ליכט, פאָרויס — צוריק;
אין אַ בילד זענען סתירות
צוויי זײַטן פון איין בריק.

אָטעם

איך בין צוריקגעקומען
צו דער שטוב פון קינדעריאָרן
און קיינעם ניט געטראָפן.
אַלע צימערן — פוסט,
די בעטן, די טישן, די שטולן,
זײַנען ערגעץ פֿאַרשוווּנדן.
איך האָב גענומען ריידן צו זיך,
אָבער כ׳האָב מער ניט געהאַט קיין שטים.
כ׳האָב גענומען קלאַפּן מיט די פיס.
די פֿאַדלאָגע האָט ניט געענטפערט.
כ׳האָב באַטאַפּט מײַן פנים —
בלויז האָר: לאַנגע, דינע, שאַרפע האָר.
די ליפּן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרוואַקסן ווערן.
כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט —
ווּ איז די טיר?
אַלע טירן זײַנען פֿאַרשוווּנדן.
אַלע פענצטער זײַנען ניט געוואָרן.
בלויז ווענט און ווענט.
מיט אַמאָל האָב איך דערפילט אַ נײַע שרעק:
די דירה האָט געאָטעמט שווער און הייס.
פון וואַנעט איז דער אָטעם געקומען?
פון וואַנעט?

איך האָב זיך אײַנגעהערט לאַנג, זייער לאַנג,
אַ שעה אפשר צוויי, דרײַ, פיר, אפשר אַ וואָר,
אַ חודש, אַ יאָר, אַ לעבנס-צײַט, אַן אייביקייט.

איך בין געקומען צו זיך אַליין,
איך בין געווען דער דירה׳ס אָטעם.

די נאָדל פון שרעק



די נאָדל פון שרעק

די נאָדל פון שרעק
האָט פאַרנייט מיך אין אַ זאַק,
און דער זאַק בין איך אַליין.
די הויט איז ווײַס און דיק.
איך קאָן בלויז די קנייטשן פאַרשטיין.

און די קנייטשן ווערן טיפער
און טיפער יעדער יאָר.
די נאָדל פון שרעק
האָט פאַרנייט מיך אין אַ זאַק.
קנייטשן זײַנען מײַן וואָר.

מײַן צײַט

דו זאָגסט, אַז מײַן צײַט
איז לאַנג, לאַנג אַריבער,
ווי קאָן עס מעגלעך זײַן?
מײַן צײַט איז קיין מאָל ניט געווען,
מײַנס איז בלויז געווען דער פיבער,
די שטײַלע טרעפּ צום קרומען דאַך,
אַ ברויטל פרײַנדשאַפט, —
און דער האָניק פון אונדזער שפּראַך.

ווי קאָן אַ צײַט, וואָס איז ניט געקומען
ווערן אַרויסגעריסן?
מײַנס איז בלויז געווען די נאַכט,
וואָס דער האָניק האָט ניט געקאָנט פאַרזיסן.

פיר

נאַכט איז פאַרגאַנגען און טאָג ניט געקומען,
זיצן מיר און רעדן און די ווערטער שטומען.

אַלע ביכער האָסטיק דערלייענט, אַלע טעמעס פאַרלעבט,
פיר געשטאַלטן פון נאַסן ליים אויסגעקלעפּט.

אַ פּאָעט, אַן אָפיציר, אַ סאָלדאַט
און אַ גאַסט מיט אַ רויטן קראַוואַט.

נאַכט איז פאַרגאַנגען און טאָג ניט געקומען,
אינעם ווײַסן וואַזאָן בליִען שוואַרצע בלומען.

פרעגט איינער: „ווי פאַרענדיקט מען אַ פאַרשפּילטע שלאַכט?"
זאָגט אַ צווייטער: „מײַן קראַוואַט ווערט אַ פּעטליע יעדער נאַכט"

דער סאָלדאַט ווישט די ווונד מיט אַן עפּאָלעט,
און עס שמייכלט צום וואַזאָן דער פּאָעט.

געפרעגט די פראַגעס, נעמען מיר זיך אַרום.
און יעדער זעט, ווי דער צווייטער קומט אונטער זײַן צייכן אום.

טויטע טעג

אין טויטע טעג
פֿאַלן שוואַלבן אין מיטן פֿלי
און קצבים נעמען פּלוצים קלאָגן
מיט קולות פֿון פֿאַרשניטענע קי.
שויבן פּלאַצן, און טירן
פֿאַרהאַקן זיך אַליין.
אין טויטע טעג
בלײַבן ווינטן פּלוצים שטיין,
און יעדער, וואָס מישט אויף זײַן לעבן
שעה נאָך שעה,
זעט, אַז אין אַלץ
וואָס איז געווען און געשען
איז קיין האַפּט ניטאָ.

אין טויטע טעג
פֿויזעט שרעק ארויס פֿון פֿאַרשאָטענע גריבער
און אַ מאַן גייט אַרום
און צעהענגט שוואַרצע פֿענער
אויף שטיבער.

דערנער־קרוין

איך האָב אין לעבן געטראָפֿן פֿאַרשידענע לײַט,
פֿון הויט־און־ביין, פֿון זײַד און פֿון מירמלשטיין,
כ׳האָב אַלעמען געזען, ווי זיי האָבן געזען זיך אַליין.

איין טאָג האָט אמת געשלאָגן מײַנע אויגן:
כ׳האָב זיך אַליין געטראָפֿן — אַ מאָדנער, זײַטיקער פֿאַרשוין,
ער האָט זיך געדונגען איבערן פּרײַז פֿון אַ דערנער־קרוין.

גורל־שטאָט

די גורל־שטאָט
פון פאַרגאַנגענע יאָרן,
לעבט ערגעץ אויף און בליט
אין לאַנד פון זכּרון.

קינדער חלומען אויף שוועלן,
באָבעס בענטשן ליכט,
ר׳ אליהו גאון זיצט איבער אַ ספר
אונטער גאָט׳ס געזיכט.

דאָס ווילנער באַלאַבעסל
באַרירט די פידל און קושט איר ברוסט,
און די סטרונעס לויבן אַלץ
וואָס איז אומבאַוווּסט.

פּלוצים נעמט אַנטאָקאָלסקי
קלעפּן דעם גרויזאַמען צאַר,
די ביימער פאַרוועלקן
אין דער פּראָסטיקער געפאַר.

דער האַריזאָנט פאַרמאַכט זיך
די שבתים גייען אויס,
פון דער ווילִיע קומען
דערטרונקענע ייִדן אַרויס.

זיי זוכן האַנטעבער
פאַר נאָסע גלידער
און דער צאַר פאַרטיליקט זײַן יורש
ווידער און ווידער.

יאָרצײַט־ליכט

ער איז געשטאַנען בײַם ברעג ים
און גערעדט צו זיך אַליין,
די כוואַליעס, די פיש און דער הימל
האָבן אים ניט געקאָנט פאַרשטיין.

די רעכטע האַנט האָט מעסערדיק געשניטן די לופט,
די לינקע — קעציש געלעגן אויף דער ברוסט,
דער מענטש האָט געשאָלטן, געלאַכט
זיך געזידלט און געהוסט.

די כוואַליעס, די פיש און דער הימל
האָבן גאָרניט פאַרשטאַנען,
ער האָט דורך גרינע פעלדער געפירט
פאַרזיגלטע יידן אין דײַטשישע באַנען.

די באַנען זײַנען
אַלץ שנעלער און שנעלער געלאָפן,
און פּלוצים האָבן זיך בײַם ברעג ים
אונדזערע אויגן געטראָפן.

דאָס מעסער איז רויט געוואָרן,
די קאָץ איז אַרײַן אין מײַן געזיכט,
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט —
איבער מיר האָבן געברענט יאָר־צײַט ליכט.

באַלאַדע

פאַר אברהם סוצקעווער

צײַט איז געפלאָסן
װעלטן זײַנען אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען,
די אייביקייט איז זיך צעפאַלן אין מאָסן,
אומעטן האָבן פאַרפאַסט געזאַנגען.

טײַכן האָבן נײַע געלעגערס פאַרשניטן,
בערג האָבן זיך איבערגערוקט.
דער נביא האָט זײַן לעבן פאַר אַ חלום אויסגעביטן,
נאַרציז האָט זיך אין אַ װאַסער פאַרקוקט.

און צײַט איז געפלאָסן,
אין װילנע האָט אַ קינד אַ שורה אָנגעשריבן,
אותיות האָבן שעפסענע קעפלעך צוזאַמענגעשלאָסן,
דער װאָלף האָט זיך צום אָװנט־בלוט געקליבן.

דאָס קינד האָט מיט שטולן די טיר באַשטעלט,
דער װאָלף האָט זיך דורכן פענצטער אַרײַנגעריסן,
אין דער װײַסער פרימאָרגן־קעלט
האָבן אותיות געצוקט — די גאָרגלען איבערגעריסן.

אַ פּרינץ

ער איז געווען אַ פּרינץ.
בלויז ער אַליין האָט דאָס געוווּסט,
ער האָט פֿאַרקלערט וווּנדער־מעשׂיות
און מיט בלוט געהוסט.
די וווּנדערס האָבן
די טאָג־טעגלעכקייט צעריסן.
דער קיניג האָט זיך דערשראָקן
און באַפֿוילן דעם פּרינץ
אין אַ שטײַג פֿאַרשליסן.

ווי אַ קבר
האָט זיך די שטײַג פֿאַרמאַכט,
אָבער אַ פּרינץ בלײַבט אַ פּרינץ, —
ער האָט פֿון איינזאַמקייט געלאַכט.

געוויסן

מיט אַ מאָל פֿאַרנעמט דער מענטש, ווי אין אַ פֿיבער,
ווי דער טיש קלאָגט נאָכן וואַלד,
און ווי עס זיפֿצט אין זײַן פּוטער־קאָלנער דער ביבער,
מיט אַ מאָל נעמט דער מענטש זוכן זײַן אמת געשטאַלט.

איך האָב מײַן געפֿונען און זי האַסטיק פֿאַרדריקט,
עמעץ האָט געוויינט און זיך ווילד געריסן,
איך האָב, ווי יעקב, דעם מלאך באַזיגט.
איצט גיי איך אויס פֿון זײַן געוויסן.

דער וועכטער

ער איז געווען דרײַ צענדליק יאָר אַ תּפֿיסה־וועכטער,
אַרמייען, גענעראַלן, העלדן, פֿאַרברעכער — זײַנען געקומען און אַוועק,
די שטאָט איז געוואַקסן, די תּפֿיסה איז געוואָרן גרעסער,
די מענטשן זײַנען געבליבן די זעלבע. דער וועכטער
האָט טאָג־אײַן טאָג־אויס, יאָר־אײַן יאָר־אויס
געשפּאַנט דורך די זעלבע בלינדע, פֿרירנדיקע קאָרידאָרן,
די אַרעסטאַנטן האָבן שטענדיק אויף עפּעס געוואַרט
און זײַנען וואַרטנדיק אויף עפּעס געגאַנגען צום טויט.
דער וועכטער האָט קיין מאָל אויף גאָרניט געוואַרט,
די נײַע אַרעסטאַנטן האָבן אויסגעזען פּונקט ווי די אַלטע.
ער האָט לויט ריחות געמאָסטן זייער לעבנס־צײַט.
צום אָנהייב האָבן זיי געשמעקט מיט תּפֿיסה־זייף,
דערנאָך מיט שווייס, וואָס קיין שום זייף קאָן ניט פֿאַרשווענקען.
און צום סוף, פֿאַר דער צעשיסונג, מיט אורין.
ער האָט אויף גאָרניט געוואַרט, ער האָט געוווּסט דעם סדר פֿון זאַכן
ער האָט אים אָנגענומען און געלויבט גאָט,
און כאָטש ער איז געווען אַ געוויינלעכער וועכטער, ניט מער,
האָט ער געפֿילט, אַז גאָט האָט אים ניט פֿאַרזען
און אים געענטפֿערט מיט דער אייביקייט פֿון תּפֿיסה־טירן.

אַ ליד

זיי האָבן ביידע געהערט דאָס ליד,
דער פֿאַרמשפּטער האָט אויף ס'נײַ גענומען האָפֿן,
דער תּלין האָט זיך אַ רויִקער געלייגט שלאָפֿן.

באַגינען האָט דער ווינט דאָס זעלבע ליד דערטראָגן,
דער תּלין האָט צו זײַן ריטם די פּעטליע פֿאַרצויגן,
דער פֿאַרמשפּטער האָט דעם הימל געזען מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

בײַם לייענען די אַנטאָלאָגיע
פֿון די סאָוויעטיש ייִדישע שרײַבער

וואָס מער איך פֿאַרטיף זיך אין לייענען,
אַלץ מער וויל אַלץ אין מיר וויינען.
און קיין צוריק איז ניטאָ,
און קיין פֿאָרויס איז ניט געבליבן,
טריט אינעם שניי, בלוט אין דער נאַכט,
נאַכט האָט אונדז אַלע, אַלע
פֿאַר אירע קינדער אויסגעקליבן.

חלומען מיר וועגן מאָרגן און מיר פֿאַלן
און געראַטעוועטע רייד זײַנען לעצטע שטראַלן.

באַלד וועלן אויך זיי ווערן פֿאַרגעסן
בלויז די קראָ וועט זיצן,
וווּ זי איז פֿריִער געזעסן.

די באַלאַדע פון איציק פעפער און פּאָל ראָבסאָן

מען האָט דעם דיכטערס אָנצוג אויסגעפּרעסט און אַ רויטן
שניפּס דערגעבן,
די מאַרינאַרקע איז זעקלדיק אויף די פּלייצעס געהאַנגען,
די ברילן האָבן געגלאָצט מיט אַ פּוסטן, ווײַסן ווונדער אויפן לעבן,
ער איז צו דער באַגעגעניש, ווי צו אַ לוויה פון אַן אייגן
קינד געגאַנגען.

ווי קאָן אַ פּאַרוויסטע שטוב אויף ס׳נײַ נעמען לעבן — טראַכט
דער פּאָעט,
אין אַ ווינקל מוח איז אַ שטעכיקער מענטש אין אַ מונדיר געזעסן,
אין אַ צווייטן ווינקל האָט אַ זקנה געוואַשן בערג מיט
פּאַרבלוטיקט גרעט.
ווער זײַנען זיי? ער האָט לעצטנס כמעט אַלע נעמען פאַרגעסן.

און אָט איז דער רעסטאָראַן — געסט און געסט און יעדער וויל
עפּעס וויסן,
„איציק" ברילט ראָבסאָן און דריקט דעם פּאָעט צו דער ברוסט.
אין די שטאַטן האָבן זיי געוועקט צוזאַמען דער וועלטס געוויסן.
„געוויסן" טראַכט דער דיכטער און שמייכלט און ווישט די ברילן
און הוסט.

„זעצט זיך" זאָגט דער באַגלייטער. נאָכן תפיסה־בעטל איז צו ווייך
די שטול,
די הענג־לײַכטער פאַרפּילן די לופט מיט אַ שווערן, געלן גלאַנץ.
דער רעסטאָראַן איז מיט לויכטנדיקע קנעפּ, וואָנצעס און מעדאַלן פול,
געשולטע קעלנער פירן אויס צום קלאַנג פון מוזיק
דעם עס־און־טרינק־טאַנץ.

ראַבסאָן רוקט צו זײַן שטול. דאָס ווײַסע העמד שײַנט קעגן דער
טונקעלער הויט

די גרויסע אויגן ווערן מיט אַ טרעריקער צאַרטקייט פאַרגאָסן,
צער און ציטער און צוטרוי זײַנען אינעם ריזיקן גוף פאַרבויט,
דער דיכטער קלערט: אין וואָס גלייבן מענטשן איידער זיי
ווערן דערשאָסן?

„די באַצאָלטע פרעסע זאָגט, אַז ביסט אַרעסטירט" רעדט דער זינגער,
„און אַז יידן ווערן דאָ געררודפט" — זײַן שטים איז טיפער פון
דער נאַכט,
„עסט, חבר פעפער" דער באַגלייטער האַלט אַ מעסער אין
דינע פינגער.
דער פּאָעט וואונדערט זיך, ווער האָט דעם ערשטן טעלער
אויסגעטראַכט?

„איציק" זאָגט ראַבסאָן „דו ווייסט ווי נאָענט מיר איז דער גורל
פון יידן,
מיר זײַנען ברידער, כ'וועל אין אַמעריקע אָפּגעבן פון דיר אַ גרוס,
חברים וועלן זיך באַרויִקן, חברים וועלן זײַן צופרידן.
מיר זײַנען איינס: נעגער, ייד און רוס".

„זאָגט עפּעס, חבר פעפער" בעט העפלעך דער באַגלייטער.
דער דיכטער טראַכט: דער אמת איז אַ פויגל, אַ שטײַג — דער ליגן,
זײַנע ליפּן ציטערן און פלוצים נעמט ריידן דורך אים אַ ווײַטער,
אַ צווייטער:
„פּאָל, חבר געטרײַער, זאָג מיר, קאָן אַ פייגעלע אַ קליינס
אַמאָל זיגן?"

„איציק, וואָס רעדסטו? מיר זײַנען ניט קליין, גרויס איז דאָס לאַנד
פון סאָוועטן".
דער דיכטער ווערט בלײַך: איז ער טויב, אָדער בין איך שטום?
פון די ווענט קוקן אַראָפּ גאָלדענע פּאָרטרעטן,
און קעלנערס מיט פאַרבלוטיקטע טעלערס טאַנצן אַרום.

אויף מײַן טעלער בלוטיקט. לעבן מײנט — פֿאַרפּילן מיט פֿלייש
דעם מאָגן,
איך בין טויט... דער מאָגן עסט איצט פֿון זיך אַליין,
ער פֿאַרדייט אַלץ — די יוגנט, די פֿרייד, זכרונות און קלאָגן,
דער בויך פֿאַרשלינגט דאָס לעצטע פֿאַרשטיין.

„איציק, דערצייל, וואָס דו שרײַבסט און ווען דו קומסט צו
אונדז ווידער.
ניט יעדער לאַנד האָט דיכטער ווי דו,
אונדזערע שטעקן אין אונטערגאַנג, זיי זיפֿצן אויס לידער,
דינען דעם קאַפּיטאַליזם און געפֿינען אין וויהיסקי זייער רו״.

דער דיכטער קלערט: כ׳האָב קיין מאָל ניט באַזונגען קיין נאַזיווע בלום.
און ער פֿרעגט: „ווען מען אַרעסטירט בײַ אונדז אַ פּאָפּ, אַ רב,
אַ ספּעקולאַנט,
שרײַט די גאַנצע וועלט, אַז מיר ברענגען אומשולדיקע אום,
אָבער, אָבער״ ער פֿאַרהאַקט זיך און ווישט די ברילן מיט דער האַנט.

„ענדיק ריידן״ בעט דער גאַסט, דער באַגלייטער האַקט איבער:
„פּעפּער איז מיד״
„מיד?״ טראַכט פּעפּער: פֿון וואָס? פֿון דעם מאָסקווער וועטער?
מיד, ווײַל דער ייִד איז געוואָרן אין רוסלאַנד צוריק אַ זשיד?
מיד, ווײַל ווען איין קאָמוניסט שיסט אַ צווייטן איז דער טויטער
שטענדיק אַ פֿאַררעטער?״

אָבער ער שווײַגט און קוקט אויפֿן זייגער — די צײַט איז מער ניטאָ,
און איך? בין איך דאָ, אָדער בין איך אַ ראַם פֿאַר אַלץ וואָס
איז פֿאַרשוווּנדן,
אַ נאָמען, וואָס וועט וואַרפֿן זיך אין בעט אַ נאַכט, אַ טאָג, אַ שעה,
אַן אויסגעפּרעסטער אַנצוג וואָס וועט קיין מאָל ניט ווײַזן
קיין וווּנדן?

„איציק, דײַנע ליפּן באַוועגן זיך, אָבער איך הער ניט קײן זאַך,
רייד צו מיר, כ׳וועל אַלץ איבערגעבן דאָרטן, אין מײַן לאַנד"
„פּאָל" זאָגט דער דיכטער: „שטומקייט איז אויך אַ שפּראַך".
ער בלײַבט שטיל און הערט ווי דער מאָגן פאַרדייט דעם פאַרשטאַנד.

„צײַט, חבר ראַבסאָן, מיר האָבן אין קורצן אַ קאָנצערט",
דרײַ לײַט שטייען אויף, פּאָל נעמט אַרום זײַן פאַרשטילטן פרײַנד,
„איציק, קום מיך הערן" דעם זינגערס שטים ווערט פאַרטרערט
פּעפּער שמייכלט: „ווי קאָן איך? איך האָב עפּעס וויכטיקס צו
פאַרענדיקן הײַנט".

העלף אונדז

העלף אונדז דורכצוטראָגן די לאַנגע נאַכט,
און דערזען דעם האָריזאָנט און דערגיין צום ליכט,
העלף אונדז פאַרגעסן דאָס פּנים פון טויט,
אין זײַנע אויגן טיף, טיף אין זיך.
מיר שטייען אין מיטן פון אַלע וועגן,
דער פאָרויס און דער צוריק מישן זיך איבער,
העלף אונדז דורכצולעבן די לאַנגע נאַכט,
די איינזאַמקייט, די קעלט און דעם פיבער.
וואָס מיר האָבן געוואָלט, האָט דער שטורעם פאַרטראָגן,
וואָס ניט געוואָלט — איז געקומען,
פּלוצים איז די ערד פון אונטער אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן,
און שוואַרץ איז אין פעלד דער גאָלדענער קאָרן.
אונדזער יוגנט איז מיט אַמאָל געוואָרן אַלט,
די געטרײַע ווערטער האָבן גענומען פאַרלייקענען זיך אַליין,
העלף אונדז בלײַבן גאַנץ אין דער פרעמדער נאַכט
און זיך אָן פּחד און צער אָננעמען און פאַרשטיין.
מיר זײַנען דײַנע קינדער, כאָטש גרוי זײַנען די בערד,
און רוקנס, ווי פאַדקעוועס האַרט און אויסגעבויגן,
האָסט אונדז אויסגעקלעפּט פון אַ הייסער ערד,
מיט דער פאַרע פון חלומות אין די אויגן.
העלף אונדז דורכצולעבן די שווערע נאַכט,
און דערגיין צו אַ פרישן באַגינען.

לעגענדע

פרי האָט דניאל זײַן ציל געפונען
און פרי זיך געלאָזט צו אים גיין,
דער גלוביקער זעט אין דער פינצטער זונען,
און אַ ווייכער קישן ווערט יעדער שטיין.

ווען ער איז דערגאַנגען צום ראַנד פון דער וועלט
האָט ער אַלע אָנהייבן ווידער דערזען,
זיי האָבן געגליווערט אין אַ ווײַסער קעלט,
דער יוגנט־סאָד איז אַ רוישיק מערקל געווען.

קעץ האָבן געשטרעקט זיך, הינט — אַרומגעיאָגט,
„דניאלס פּלעצל״ האָט אַ שילד גערעדט פון אַ וואַנט.
״איך בין דניאל״ האָט דניאל צו אַ סוחר געזאָגט.
„ס׳איז בלויז אַ לעגענדע״ האָט יענער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

פאַרגעפּיל

איך האָב געפילט
כ׳וועל איין טאָג זײַן אימשטאַנד
מײַן צײַט וואָרט נאָך וואָרט איבערצוזאָגן,
בלויז איין זאַך האָט מיך געשראָקן,
אפשר וועט דער צפון־ווינט מיך דעריאָגן,
מײַן צאַפּל פאַרפרירן
און מיך גלאַט אַזוי אין אַ וואַנט צעשלאָגן.

וואָס כ׳האָב געפילט איז ניט געשען,
וואָס פאַרגעפילט — האָט באַשטעטיקט דאָס לעבן,
איך בין אויף מײַן אייגענער לוויה געווען
און דעם שענסטן הספד געגעבן.

האַלבקייטן

עס זײַנען דאָ גערדאַנקען פֿאַרגליווערטער פֿון שטיין,
און טעג, וואָס גייען אַוועק איידער זיי קומען צוגיין.

עס זײַנען דאָ הימלען אָן שטערן, הײַזער — אָן טירן,
און ביכער, וואָס קאָנען בלויז ביכער ציטירן.

עס זײַנען דאָ ליגנס מיט קלאָרע, אומשולדיקע אויגן,
און גרויסע פֿליִער, וואָס זײַנען קיין מאָל ניט געפֿלויגן.

עס זײַנען דאָ אָנהייבן, וואָס הייבן זיך ניט אָן,
און טאַשנטיכלער, וואָס פֿאָכען ווי אַ פֿאָן.

עס זײַנען דאָ דאָקטוירים מיט איין רפֿואה פֿאַר אַלע לײַט,
און זייגערס, וואָס מיינען, אַז זיי זײַנען וויכטיקער פֿון צײַט.

זאָגט דער בעל־חלומות — „פֿון האַלבקייטן קומען גאַנצקייטן אַרויס״
און ער גייט אַ גאַנצער צווישן האַלבקייטן אויס.

אָוונט־צײַט

ווען איך בין אָוונט־צײַט אַהיים געקומען,
האָב איך אויף די טרעפּ אַ נײַעם שכן געטראָפֿן,
צוליב אים בין איך אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן.

ער האָט געמוזט שטאַמען פֿון אַ פֿאַרגעסענער צײַט,
איך האָב געפּרוּווט דורך זײַנע אויגן זיך דערזען,
און ניט געקאָנט זיך דערמאָנען ווער איך בין געווען.

דער דיכטער

דאָס לעצטע פײַער
איז דער דיכטער אַליין.

ערגעץ
קנוילט זיך אַ קנויל,
ערגעץ
וואַקסט דער גרויל,
אָבער דאָס גורלדיקע וואָרט
בלײַבט פאַרזיגלט
אין מויל.

דאָס לעצטע פײַער
איז דער דיכטער אַליין,
דאָס לעצטע וואָרט
איז אַ געשפּאָלטענער שטיין.

איינער

מיר שטײַגן העכער און העכער
און קוקן זיך ניט אום,
די שרעק מאַכט שטײַלער דעם באַרג,
מיר ווילן לײַכטער זײַן פון לופט,
מיר שטײַגן שטום.
און אָט —
באַזיגט ליגט די הייך,
דער פירער באַפעלט! —
„צוריק!"
אין טאָל ציילן מיר זיך שטיל.
איינער פעלט,
איינער האָט דערגרייכט דעם ציל.

פנימער

פנימער פאַרפילן יעדער אָוונט מײַן צימער,
און וויגן זיך אַרום מיר אין אַן אומעטיקן קרײַז
איך לייג זיי פּאָר רעקלעך און שיך
און באַשטעל מײַן טיש מיט ווײַן און שפּײַז.

אָבער די געקומענע גיבן מיר שמייכלענדיק צו פאַרשטיין,
אַז פנימער קאָנען ניט זיצן אָדער שטיין.

באַגינען ראַזיר איך זיך אין שפּיגל
איך קוק מיט שרעק אויף מײַנע ציטערדיקע הענט,
איך וווּנדער זיך, צי זיי האָבן מײַן פּנים פאַרגעסן,
צי מײַן פּנים האָט מײַנע הענט ניט דערקענט.

דאָס פעדימל

„מאָרגן וועט מען דיך הענגען" —
זאָגט די שפּין און פויזעט אַוועק,
מיר דאַכט, איך הער איר ווײַטן אָטעם,
אָדער אפשר אָטעמט אַזוי מײַן שרעק.

פון איצט לעב איך יעדע רגע
מיט דער וואָג פון אַ דיקן שטריק,
און מיט אַ קאַמער — טונקל ווי אַ שפּין,
און מיט אַ שפּין, וואָס זייגט מײַן גליק.

באַגינען קומט מען מיך נעמען,
איבערן פענצטער הענגט די שפּין.
מײַנע אויגן כאַפּן זיך אָן אין איר נעץ
און פויזען צום הימל אויף אַ פעדימל דין.

דער געהאָנגענער טאָג

דער טאָג פאַרגייט
דער גאָלדענער שטויב ווערט גרוי,
דער האָריזאָנט לעשט זיך אויס.

עס דאַוונט דער טוי.
שווערדן ברענען ווײַס,
מונדירן גליִען רויט,
וועלף קומען אַרויס.
אין ראָט־הויז בײַם שרײַב־טיש
זיצט דער טויט.

דער טאָג פאַרגייט,
פון דער דינער לופט
שיילט זיך אַ שוואַרצקייט אויס,
די תליה רופט.

דער אַרעסטאַנט וואַכט —
אַ פינטעלע שרעק
אין אַ געשוואָלענעם גוף.
די גלידער רײַסן זיך אָפּ
און פאַלן פּוכיק, ווייך
צום דיל אַראָפּ.
די שרעק וואַקסט
ווערט, ווי אַ באַלאָן, גרויס,
פּלאַצט
און גיסט זיך אויס.

אַ געדאַנק טראַכט,
וועלף עסן די נאַכט.

אין בלוט פון אונדזער חלום

איך האָב קיין מאָל נישט געבלאָנדזשעט
אין מײַן קורצן צעשמייכלטן לעבן.
איציק פעפער

אויב דו האָסט קיין מאָל ניט געבלאָנדזשעט,
וואָס ווייסטו וועגן זוכן, געפינען און פאַרלירן
און וואָס — וועגן דעם האַרטן, שטומען רוקן פון וועגן?
אויב דאָס לעבן האָט צו דיר בלויז געשמייכלט,
וואָס קאָנסטו דעם שמייכלענדיקן תּליין,
וועמעס פינגער בלאָנדזשען ניט, פרעגן?

אָ, בייזע נאַכט פון שרעקלעכסטן יאָרהונדערט.

פאַרוואָס שעלטן מיר זיך אויס בײַם לעבן
און בעטן זיך איבער אין טויטע גריבער?
און פאַרוואָס, פאַרוואָס,
רעדן צו אונדז נאָך אַלץ פענער,
וואָס לאָזן הינטער זיך קברים אָן נעמען
און נעמען אָן פנימער איבער?

ווער האָט בעסער פון אַ ייִדישן דיכטער געקאָנט וויסן,
אַז אַ ליד איז בלויז אַ פאַרוווּנדעטע טויב,
וואָס פּיקט פון פּאַפּירן אַרויס דאָס געוויסן
און גייט שטענדיק אויס פאַרבלוטיקט אין שטויב?

פאַרוואָס האָט אונדזער לשון
אַ דיכטער צו אַ דיכטער אין טרײַשאַפט ניט פאַרבונדן?
פאַרוואָס איז די צונג געליימט געבליבן
ווען דער צוויט איז געלעגן אָפּגעשוווּנדן

און אונדזער אומה איז ווידער געוואָרן
פאַרן מושלס צאָרן אויסגעקליבן?

פאַרוואָס זעען מיר זיך נאַקעט — אין אומגליק,
און פאַראַדירן אין מונדירן אין רגעס פון גליק?
אָ, נאַכט פון ביטערסטן יאָרהונדערט,
גיב אונדז אַלע שעלטנדיקע פאַרשאָלטענע
און אַלע פאַרשוועכטע פאַרשאָטענע צוריק.

אינעם טײַך פון אונדזער בלוט,
אינעם בלוט פון אונדזער חלום,
טרעפן זיך אַלע אָפּגעפליקטע
און צעשונדענע גלידער.
זיי פרעסן זיך צונויף
פאַרקלעפּטע אין שלום
און שאולס הארבסט
און דוד׳ס פרילינג
הייבט זיך אָן ווידער.

און טאָרקוועמאַדאָס שײַטער
און כמעלניצקיס שווערד
און היטלערס גאַז
און סטאַלינס פריקאַז
זיי וואַרטן, ווי שטענדיק
אָפּ אונדזער קומען.

די נאַכט שעלט מיט קראָפּיווע די ערד
דער פרימאָרגן בענטשט זי מיט בלומען.

מאַריאַ אַנטואַנעט

די קעניגין שלײַכט. דער פאַרשניטענער קאָפּ אין איר האַנט. —
פון דאַווידס צייכענונג זײַנען מיר די שטאַלצע שטריכן באַקאַנט.

„וווהין גייסטו, קעניגין, וואָס האָט דיך צו אונדז צוריק געבראַכט ?
ס׳איז טונקל, און די שטאָט איז געפּערלעך בײַ נאַכט״.

„שטיי ניט אין וועג, אפילו אין דער פינצטער זע איך דיך גוט,
ביסט איינער פון די מורדים, וואָס האָט פאַרגאָסן דאָס קיניגלעכע
בלוט״.

„אָ, קעניגין, קעניגין, דאָס אַלץ האָט מיט יאָרן צוריק פּאַסירט,
זינט דאַן האָט מען אויך מיך צו דער גילאָטינע געפירט״.

זי דרייט זיך אַוועק און גייט איר וועג פאַרעקשנט און שטיל,
כ׳מיש דאָס געשיכטע־ביכל: ליאַלקעס טאַנצן, לאַכן און פאַלן
צעבראָכן צום דיל.

אַדרעס

געדענקסט, ווי מיר האָבן זיך ביז פרעמדקייט צעקריגט?
די פרילינגדיקע פרייד איז פּלוצים אויסגערונען,
פון די קולות האָט זיך דאָס צימערל צעוויגט,
אָבער דו האָסט אַלץ נײַערע צאָרנס געפונען.
דו האָסט געשניטן דעם יאָרהונדערט מיט אַ מעסערדיק ליבט,
מײַן בענקשאַפט פאַרוואַנדלט אין אַ קינדער־שפּיל,
איך האָב געזען אַ ווײַטן שטערן, דו — דאָס לעצטע געריכט,
צום סוף האָסטו פאַרהאַקט די טיר און ס'איז געוואָרן שטיל.

דײַן נאָמען איז שפּעטער, פון צײַט צו צײַט, צו מיר דערגאַנגען,
ביסט גרויס געוואָרן דאָרטן, אינעם לאַנד פון בלוט און אײַזן,
מײַן לעבן האָט זיך ווײַטער געוויגט צווישן מאָגערע זאַנגען,
יעדער פרילינג האָב איך געפּרוּווט פאַרריכטן ווינטערדיקע גרײַזן.

און דעמלט האָט נאַכט אויפגעריסן, געקומען זײַנען שאַקאַלן,
אײַזערנע פינגער האָבן אַלע צאַרטקייטן ביזן דינסטן וואָרצל
אויסגעריסן.
פון הימל איז גאָט, ווי אַ שטיין, אַראָפּגעפאַלן,
מיר האָבן געלעבט פאַרשעמט און פאַרביסן.

ווען דער שטורעם איז אַריבער זײַנען מיר אַרויסגעקומען
און זיך געלאָזט זוכן די צעשאָטענע גלידער,
דאָס געפונענע האָט קיינער ניט באַנומען
אָבער דו און איך האָבן זיך געטראָפן ווידער.
דאָס מאָל — ניט אין דײַן און ניט אין מײַן לאַנד,

דו ביסט פון סיביר אַנטלאָפן, איך — פון מײַן שכן,
מיר זײַנען געזעסן ערגעץ אין עק וועלט, אויף אַ ראַנד
מיט שטיקער צײַט, ווי מיט דערנער אַרומגעשטאָכן.

„דו ווייסט, דו ווייסט" האָסטו גערעדט און ניט דערערעדט,
די לינקע האַנט האָט עפּעס געהאַלטן אין איין זוכן,
„דו ווייסט?" — אַ שטאַמל און אַ געשריי „ס'איז שפּעט"
ביסט אַוועק, און גלײַך צוריקגעקומען: „דו מוזט מיר באַזוכן".

ביסט ווידער הינקענדיק אַנטלאָפן, כ'האָב דײַן אַדרעס ניט געוווּסט,
אויך מײַנער איז געווען מיר אומבאַקאַנט.
וואָס איז דער אַדרעס פון אַן ערד, וואָס איז געוואָרן פּוסט?
וואָס איז דער אַדרעס פון אַן אָפּגעהאַקטער האַנט?

געלע לאַטע

אַ געלע לאַטע,
אַ פּוסטער הימל,
אַ העמד אין פּאַסן
און ווערטער, ווערטער, ווערטער,
וואָס ווילן גאָרניט פּאַרפּאַסן.

אויף וואָס וואַרטן פאַרברענטע ביכער?
האָבן אַ שפּינען־גאָט שפּינען?
ווו רוט דער וויכער?
פּאַרוואָס, פּאַרוואָס
בלײַבט נאָר אַלע גרײַזן און באַווײַזן
בלויז דער ווייטאָג זיכער?

אַ געלע לאַטע,
אַ לאַגער מיט שטעכיקע דראָטן,
געשטאָרבענע קינדער
טאַנצן אין אַ ראָד
אַרום אַ געשטאָרבענעם בוים
אין אַ געשטאָרבענעם סאָד.

פון אַ לעצט הויז
קומט דער לעצטער סאָלדאַט
מיט אַ ביקס אַרויס,
די לאַטע טוט אַ פלאַטער
צעוויינט זיך
און גייט אויס.

גלעקער

מיר האָבן די טויטע באַגריסט
מיט פולע הענט,
די טויטע האָבן געשמייכלט
און אונדז קוים דערקענט,
פון יענער זײַט לעבן,
פון יענער זײַט ערד,
האָט עפּעס געקלאָגט
און געקלאָגט,
און קלאָגן ניט אויפגעהערט,
מיר האָבן פון האַרצן
אָפּגעריבן דעם שימל
און מיט פאַרהאַנגען פאַרשטעלט
דעם בייזן הימל —
פאַר די טויטע בעטן געמאַכט,
און געוואַכט איבער זיי
אַ גאַנצע נאַכט.

באַגינען ווידער
דעם שענסטן מאַלצייט סערווירט,
אָבער עמעץ האָט די געסט אַרויסגעגנבעט
און אַוועקגעפירט.

מיר האָבן געלאָזט זיך
זיי דעריאָגן,
מיט צינגער פון גלעקער
האָט צײַט אונדז געשלאָגן.

שפּעט

„דו ביסט צו שפּעט געקומען" —
האָט זי געזאָגט.
„אָבער די וועלט איז נאָך אַלץ אַ וועלט" —
האָב איך זיך אַנטקעגנגעשטעלט.
די קראָ האָט מיך באַקוקט
מיט רויטע, נאַסע אויגן,
אַ שווערער בלוי האָט דאָס פעלד
מיט די מתים פאַרצויגן.

„צו שפּעט, צו שפּעט, מײַן פרײַנד" —
כ'בין ניט געווען איר פרײַנד.
כ'האָב צווישן די מתים
געפּרוווט אַ שכן אָפּגעפינען,
אָבער אַלע האָבן אויסגעזען ווי מײַן שכן.
אַלע האָבן מיך געשראָקן.

איך בין אַוועק אַהיים.
אין שטוב פאַרבראָקן ברויט
אין דער שיטערער, נעבטיקער זופּ.
ס'איז קיין מאָל ניט צו שפּעט צו עסן.
פון אַ שפּיגל האָט אַ שכן אַרויסגעקוקט
מיט מײַן פּנים טויט און פאַרגעסן.

וואָגלערס, מײַנע פרײַנד

איך האָב זייערע נעמען פאַרגעסן
און אפשר גאָר קיין מאָל ניט געקענט,
מיר האָבן געטיילט זיך מיט געלעגערס און עסן,
און קעגן דער נאַכט, ווי ליכט געברענט.

איך קאָן נאָר אַלץ אַן אַקסל מיט אַ שמייכל פאַרבינדן,
און די ווײַסקייט פון אַ שטערן — מיטן גאָלד פון אַ גלעזל טיי,
אָבער אַ גאַנץ געשטאַלט קאָן איך ניט דערפינדן,
ערגעץ פאָכט אַ טיכל, ערגעץ פאַלט אַ שאָטן מיט געשריי.

דאָר, וואָס זיי האָבן מיר פאַרטרויט,
איז געבליבן גאַנץ, ווי אַ טאָג פון גליק,
צוליב זיי אונטערשייד איך לעבעדיקע, וואָס זײַנען טויט,
פון טויטע וואָס קומען לעבעדיק צוריק.

ענטפערס

אַזויפיל וועגן געלאָזט הינטער זיך —
אין מיטן פאַרלאָזטן געוואָגלט.
פון אַזויפיל טונקעלע קעלערס אַרויס,
און אַלע טונקלעניש מיטגענומען.

אַזויפיל פּנימער פאַרגעסן —
און מיט פאַרגעסענע טאָג־טעגלעך געלעבט.
וואָס טוט אַ מענטש מיט דעם אַלעם?
וואָס?

אין אַ פּעקל פאַרבינדן און אַרײַנוואַרפן
אין אַ לויפנדיקער באַן?
צווישן ביכער פאַרשטופּן?
אונטער אַ בוים פאַרגראָבן?

וואָס טוט אַ מענטש מיט אַזויפיל אויסוועגן
וואָס זײַנען ניט קיין אויסוועג?
און מיט אַזויפיל פראַגעס,
וואָס זײַנען בלויז איין פראַגע?
פאַרענטפערן זי?

אָבער וואָס טוט אַ מענטש
מיט אַזויפיל ענטפערס, וואָס וואַרטן איינער דעם צווייטן אָפּ,
אויף טונקעלע ראָגן, מיט מעסערס אין די הענט?
אַ, וואָס טוט אַ מענטש מיט אַזויפיל מעסערס?

ווי נאָר

ווי נאָר איך נעם טראַכטן
וועגן מײַנע געליבטע,
הייבן אָן פינגער
קלאַפּן אין טיר,
איך זינק אין זיך אַראָפּ,
ווי אין אַ גרוב
און גליוועך,
גליוועך
אָן אַ ריר.

ווי הערגליפן
פון אַ פאַרלוירענער שריפט,
פאַרפילן הענט און פיס און אויגן
די פאַפירענע לופט,
אַ שאָטן מיט אַ קרומען מויל
רופט פון מײַן באַלקן
און רופט.

איך שטעל זיך אויף
איך גיי און פאַל,
איך שרײַ און רוף
און איך ווייס —
אָ, ווי גוט איך ווייס,
מײַן גוף וועט מיר קיין מאָל ניט פאַרגעבן,
פאַרן ניט לאָזן אים שטאַרבן,
און פאַרן ניט פאַרגינען אים דאָס לעבן.

אונדזער צײַט

אונדזער צײַט
וועט מסתמא באַרימט זײַן
מער, ווי מיט אַלץ,
מיט די מעשים פון מערדער.

מיר האָבן געהאַט בויער
און איידעלע טרוימער און קינדער,
וואָס האָבן אומגעדולדיק
אויף דער גאולה געוואַרט,

אָבער, ווען די מערדער האָבן באַפוילן,
האָבן די וועלדער, די טײַכן און די קינדער
געפּאָלגט, און דער ווינט אַליין
האָט זיך געבויגן צו זייער ווילן.

דערפאַר וועט אונדזער צײַט
זײַן באַרימט מיט די טײַכן
אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט.
די מערדער האָבן גערעדט וועגן נצחונות,
מיר האָבן געלעבט —
גראָבנדיק קברים.

אַלטע שטעט וועלן באַנײַט ווערן,
אַלטע גערטנער — איבערגעפלאַנצט,
אַלטע פילאָסאָפן וועלן פרעגן
און איבערפרעגן די אַלטע קשיא:
„וואָס איז צײַט?"
מיר ווייסן בלויז איינס:
אונדזער צײַט האָט באַלאַנגט צו מערדער.

וואָס בלײַבט

איך האָב װעגן געפֿונען
און פֿאַרלאָרן,
דאָס גליק האָט שטענדיק
פֿון אַ װײַט גערופֿן,
װאָס איז אַלץ װײַטער געװאָרן
מיט די יאָרן.

די גרענעץ, װאָס טײלט אָפּ
מענטש פֿון װאָרעם,
און װאָרעם פֿון ליכט,
איז אויסגערונען,
ניט אַנטפּלעקט האָט מיך דער שפּיגל
צו זיך,
כ'האָב אין אים בלויז
אַ פֿראַגע־צייכן געפֿונען.

דאָס לײַכטע איז אָפֿט
געװאָרן שװער,
דאָס שװערע — לײַכט
צוליב אַ ליכטיקער טרער,
דאָס צאַרטע איז אָפֿט
געװאָרן האַרט,
צוליב אַ שמייכל,
װאָס האָט אָפּגענאַרט.

כ'האָב אַן אמת געקענט,
װאָס האָט דעם קאָפּ פֿאַרריסן מאַרשירט.
װען ער איז צום ציל דערגאַנגען,

האָט ער זיך אויפגעהאַנגען
ווייל אַ ליגן האָט אים געפירט.

— „וואָס זשע בלייבט נאָכן שלוס פון טעג"
ווילסט עס באמת וויסן?
אַ פּאַפּירענע מאַפּע מיט אַ געשלענגלטן וועג,
און אַ ווייטאָג, וואָס רופט זיך „געוויסן".

טויט און לעבן

ס'איז דאָ אַ געדאַנק
וואָס וויל זיך אַליין ניט פאַרשטיין,
ס'איז דאָ אַן אָרט,
ווו די שטילקייט שרײַט,
ס'איז דאָ אַ צײַט,
וואָס האָט ניט קיין הימל,
ס'איז דאָ אַ שאָטן —
שווערער פון שטאָל.

גוט איז דעם
וואָס ווייסט עס ניט.
ער קלאַמערט זיך אין לעבן
און פאַרשעלט דעם טויט,

דאָך דער ווייסער
האָט בלויז מורא פאַרן לעבן,
ווײַל עס נוצט דעם טויט,
ווי דעם קצב די האַק.

אַז זיי בין איך שטום

„פאַרוואָס שרײַבסטו פאַרצאָגטע זאַכן?" —
האָט ער געוואָלט וויסן,
איך האָב זיך געוווּנדערט,
ווי קאָן איינער דערקלערן,
אַז ר׳איז צוויי העלפטן, וואָס לעבן צעריסן?

„פאַרוואָס?" — האָט ער ניט אָפּגעלאָזן,
אַ בלוי קאָפּעלושל איבער די אויגן
און ליפּן, וואָס האָבן איינצײַטיק
אונטערגעזונגען, געשטאַמלט, געשמייכלט
און אַ ציגאַרעטל געצויגן.

פון וואַנעט איז ער געקומען?
פון אַ שופלאָד בלויז אים באַקאַנט?
פון אַ שפּאַלט אין אַ פײַכטער וואַנט?
אָדער אפשר האָב איך אים אויסגעטראַכט,
ווײַל ער פּאַכט אין מײַן פּנים מיט מײַן האַנט?

ניט ענטפערן איז געוויס די בעסטע זאַך,
אָבער ווער קאָן אַנטלויפן פון עפּעס,
וואָס זײַן אַן אָנשיקעניש איז זײַן פאַך?

סוף־כל־סוף האָב איך, ווי פון אַ בוך
געמומען ציטירן: —
„דו זעסט, איך הייב אָן מיט אַ וואָרט, אָדער צוויי,
אָבער איידער וואָס און ווען ווערן זיי די זאָגערס
און נעמען פירן,
געוויס, איך קוק זיך פון צײַט צו צײַט אַרום,
אָבער צופיל קאָן איך ניט זאָגן,
ווייל אָן זיי בין איך שטום".

גאָלדענע הויקערס



גאָלדענע הויקערס

די גאָלדענע הויקערס
זײַנען מײַנע פֿרײַנד,
און איך בין אײנער פֿון זײ,
מיר עפּענען די דעקלעך
פֿון רוקנס אויף
און טוישן אויס אײן װײ
פֿאַר אַ צװײטן װײ.
מיר דאַרפֿן אונדזער האַרץ
קײנעם ניט װײַזן,
מענטשן מײַדן אויס
גאָט׳ס גרײַזן.

מוזיק

קלאַווירקלאַנגען, נאַכט,
אַ פענצטער באַפרײַט זיך פון דער וואַנט
און נעמט זיך צום הימל טראָגן.
„ווער האָט מיך אויסגעטראַכט?" —
פרעגט אַ מענטש.
צען פינגער קלאָגן.

אָ, וווהין, וווהין אײַלט זיך די צײַט?
און ווו טרעפט זיך דער פאָרויס מיט צוריק?

און וואָס איז פון זינלאָזן דער זין?
און וויפיל אומגליקן דאַרף פאַרגעסן
דאָס גליק?

דאָס פענצטער דערגרייכט דעם הימל
און פאַלט אַראָפּ, ווי אַ שטיין,
אַ בוים שטאַרבט, אַ בריק ברעכט זיך אײַן,
אַ בעטלער פאַרבינדט אין אַ טאָרבע
דער וועלטס געוויין.

וואָס איז אינעם בוך פון זײַן פאַרשריבן?
און ווער קאָן דאָס פאַרשריבענע פאַרשטיין?
און ווען, ווען דאַרף דאָס האַרץ זאָגן צום לעבן „יאָ"
און ווען מוז עס זאָגן „ניין"?

פראַגעס פאַלן און פאַלן, אַ שטיינערנער רעגן.
וועמען קאָן דער וואַגלער פרעגן?
„אפשר האָט מיך אַ ליד אויסגעטראַכט? —
ווונדערט זיך אַ מענטש און לאַכט.
קלאַווירקלאַנגען, טאַנצנדיקע שאָטנס, נאַכט.

ייִדישע נאַכט

צווישן אַלע נעכט
איז דאָ אַ ייִדישע נאַכט,
און צי דער מלך איז גוט, צי שלעכט,
אַ מאַמע וואַכט.

פריַינדלעך מורמלט דער קוימען:
„ווער ניט צו שנעל אויס קינד,
גרויסע בײַטן אויס טרוימען
פאַרן ווינט".

צווישן אַלע נעכט
וואָגלט אַ ייִדישע נאַכט,
אַ חלום צערטלט אַ קנעכט,
אַ תּליה וואַכט.

„אָ, זונעלע, לאָז די וועלט זײַן וועלט",
אָבער דער זון איז ערגעץ אַוועק,
איינזאַמקייט איז אַ צימער מיט קעלט,
זמנים — רעמלעך פאַר שרעק.

אין דער ייִדישער נאַכט
ברענגט אַ טויב אַ צווײַגל דער מאַמען,
אַ גרוב ווערט פאַרמאַכט,
אַ לעגענדע גייט אויף אין פלאַמען.

ווערטער

איך לייג ווערטער ווי פּאָסטקאַרטלעך אויס,
אַדרעסן ווייען אַן געשטאַלטן און ערטער,
אַ האָריזאָנט פון אַ בענקשאַפט, אַ שמייכל פון אַ הויז.
כ׳לעב אין אומזיניקע טעג אין נעצן פון זינפולע ווערטער.

די זון אין דעם וואָרט „זון" וואָלט זיכער געהאַט
די זעלבע צאָל שטראַלן און דעם זעלבן פאָרמאַט,
אָבער זי וואָלט ניט געשמייכלט און ניט געדראָט
און ניט דערמאָנט, אַז ליכט — איז גאָט.

איך האָב זיך ליב צו פאַרלירן אין ווערטער און זיך געפינען
מיט איין־איינציק וואָרט אויף אַ באַרג, אין אַ צוריק,
די לעצטיקייט באַשטימט וואָס האָט אַ זינען,
און אין דעם זינפולן איז אפילו טרויעריק דאָס גליק.

איך האָב פריינד, באַקאַנטע, ביכער, אַ וואַזאָן מיט בלומען,
אָבער וואָס איך האָב איז ניט איך, כ׳בין אין דעם וואָס האָט מיך,
כ׳בין אין ווערטער, וואָס שרייען אפילו ווען זיי שטומען,
כ׳בין אין דעם געלויף פון זיך צו זיך.

כ׳וועל אַלט פון אַלטע רייד, יונג — פון פרילינגדיקן ווערטער־זאַפט,
דער רעגן מאַכט בלייען די בלום, ווערטער גיבן איר אַ געזיכט,
מיין פאָלק איז אַ ספר פון אייביקן אָפט,
כ׳בין אַ וואָרט, וואָס פאַרלייקנט דעם מערדערס געריכט.

דער קונצנמאַכער

„ס׳איז ניט קיין קונץ אַ קונצנמאַכער צו זײַן, ניין״ —
האָט מיר אין אַ שענקל אַ קונצנמאַכער פאַרטרויט,
„ס׳איז ניט קיין גרויסע זאַך אַ טישל מאַכן גיין,
אַ קונץ איז לעבן פונקט, ווי ס׳וואָלט ניט זיין קיין טויט״.

„און מיר? מיר לעבן גלײַך קיין לעבן וואָלט ניט געווען״.
געזאָגט, באַצאָלט פאַרן גלעזל און ווי אַ ווינט ניט געוואָרן,
איך האָב אים מער קיין מאָל ניט געזען
און כ׳ווייס ניט צי לעבן, אָדער טויט מעסט מײַנע יאָרן.

אַן אומעטיקער מענטש

אַן אומעטיקער מענטש
זיצט אין זײַן אומעט,
ווי אַ שטיין
אין זײַן האַרטקייט.

די האַרטקייט
איז אומעטום די זעלבע,
און זי איז הײַנט
פונקט ווי זי איז
געווען נעכטן
און פונקט ווי זי וועט זײַן
מאָרגן.

אַן אומעטיקער מענטש
לעבט אַן צײַט,
ווי אַ שטיין.

וואָקזאַלן

מײַן באַן האָט זיך פֿאַרהאַלטן
און כ'בין אַרײַן אינעם גרויסן וואָקזאַל.
פֿון וואַנעט בין איך געקומען?
איך קאָן זיך עס מיר ניט דערמאָנען.

איך בין אין אַ פֿרעמדער שטאָט,
אָבער איך האָב אַן אַדרעס.
ווער האָט מיר אים געגעבן?
אַ פּנים שווימט אויף. דער נאָמען איז אויסגערונען.

איך קלער — וואָס ווײַטער צו טאָן.
איך קויף אַ צײַטונג און לייען,
דער וואָקזאַל איז פֿול מיט פֿליגן.
איך האָב קיין מאָל ניט געזען אַזויפֿיל פֿליגן,
איך פֿיל — כ'וועל דאָ ניט פֿאַרבלײַבן.
די צײַטונג אין מײַן האַנט איז געל, פֿאַרטריקנט און אַלט,
איך האָב די זעלבע צײַטונג געהאַלטן
נעכטן, מיט אַ וואָך צוריק, מיט יאָרן צוריק.
איך קען די נײַעס אויף אויסווייניק.
איך בין אַ טייל פֿון זיי.
די געשטאָרבענע קומען צוריק און שטאַרבן ווידער.
די פֿליגן פֿאַלן, ווי אַ שוואַרצער רעגן.

איך שפּרינג אַרײַן אין ערשטן, בעסטן באַן
און לאָז זיך צו אַ נײַעם וואָקזאַל,
אפֿשר וועל איך געפֿינען אַ שטאָט
וווּ קיינעם איז ניט דערלויבט צו קויפֿן אַ בילעט,
סײַדן ער האָט אַ היים.

וועגט

מיר האָבן געשמועסט איבער אַ קאַווע,
צוויי גוטע פֿרײַנד פֿון לעבן פֿאַרגעסן,
אַרום אונדז האָבן לײַט גערייכערט, געלאַכט
און ניט אויפֿגעהערט צו עסן.

צווישן זיי און אונדז איז געשטאַנען אַ וואַנט,
יאָרן און יאָרן האָבן די ציגל אָנגעבראַכט,
מיר האָבן געלייענט די זעלבע בלעטער
אָבער געוואָגלט דורך אַן אַנדער נאַכט.

פּלוצים איז אַ מענטש פֿון ערגעץ אָנגעשווומען:
אַלט, צעקנייטשט און פֿאַרגעלט,
ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זײַן קאַווע
צווישן אונדזערע קאַוועס אַוועקגעשטעלט.

„איך בין אַ בן־עיר" — האָט ער געמאָלדן,
„כ'בין פֿון היטלערן מיט אַ רגע צוריק אַוועק".
מיר האָבן געשטומט, פֿאַרזוכט די קאַווע
און אַוועקגעקוקט פֿון זײַן הוילער שרעק.

„איר שווײַגט" — האָט ער ניט אויסגעהאַלטן
און זיין קאַווע אַ שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן.
און מיר האָבן מיט אַ מאָל דערפֿילט, ווי אַ נײַע וואַנט
נעמט וואַקסן פֿאַר אונדזערע אויגן.

נאַקעט

איך שטיי פאַר דיר פּלוצים
ווי דער ווינטער — הויל,
די שרעק — אַ דאָרן
פאַרשטאָכן אין מויל.

וואָס וויל איך פון דיר? —
איך ווייס ניט אַליין.
איך פאַרלייקן דײַן זײַן
און וויין דײַן געוויין.

ווי קאָן תפילות האָבן
אַ פאַרשטשעמעטע זאַך?
איך שטיי פאַר דיר וויסט,
אַ שקלאַף פון מײַן שפּראַך.

די ווערטער זיי קומען
ווען זיי ווילט זיך אַליין,
זיי שלוכצן און מאָנען
באַטש כ׳שטום, ווי אַ שטיין.

זיי גרייכן דעם הימל
און נעמען פאַלן:
ליכט אינעם בלוט,
בלוט אין די שטראַלן.

נאַכט אינעם טאָג,
טאָג — אויף זיבן וועגן,
אַלע ענטפערס — פראַגעס,
וואָס האָבן מורא צו פרעגן.

פאַרגעסענע זאַכן

וואָס מיר פאַרגעסן לעבט מיט זיך אַליין,
קיין זאַך פאַרשווינדט ניט, עס נעמט בלויז אָן אַן אַנדער געשטאַלט,
אַ שבועה פאַרגעסן — ווערט אַ שטיין.

פאַרגעסענע זאַכן ווילן ניט פאַרגיין,
אַ פאַרגעסענער גלויבן ווערט אַ טויטער וואַלד,
וואָס מיר פאַרגעסן לעבט מיט זיך אַליין.

פאַרגעסענע זאַכן ווילן צוריק צו אונדז דערגיין,
אַ פאַרגעסענע האַנט ווערט אײַזיק קאַלט,
אַ שבועה פאַרגעסן — ווערט אַ שטיין.

אַ קוש פאַרגעסן — ווערט געוויין,
אַ גאָרטן פאַרגעסן — ווערט איבערנאַכט אַלט,
וואָס מיר פאַרגעסן לעבט מיט זיך אַליין.

אַ טרײַשאַפט פאַרגעסן — קריגט וועלפישע ציין,
אַ בריוו פאַרגעסן — מאַכט אין טיש אַ שפּאַלט,
אַ שבועה פאַרגעסן — ווערט אַ שטיין.

פאַרגעסענע זאַכן ווילן קומען צוריק צו גיין,
און ווילן פון דערקענטעניש ווערן באַשטראַלט,
וואָס מיר פאַרגעסן לעבט מיט זיך אַליין,
אַ שבועה פאַרגעסן ווערט אַ שטיין.

אַ גאַסט פון דאָרטן

מיר זײַנען געזעסן אויף אַ פאַרזאַמלונג,
יעדער שרײַבער אין זיין שניי פאַרגראָבן,
אונדזערע שאָטנס האָבן געפּלוידערט, רכילות געטריבן,
און צום סוף זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי ראָבן.

דער רעדנער איז אַנטלאָפן פון אַ לאַנד,
וווּ דאָס געוויסן איז פאַרמלוכהשט געוואָרן,
און ווו יעדער האַלט אין איין זוכן אַ זיכער אָרט,
פאַר דעם זכרון.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט יעדנס אַליינקייט
אַ פלי געטאָן צו זײַן פאַרשטיקטן געשריי,
און אַ צעגליטער פונק האָט אויפגעזאָטן
אין דעם ווײַסן שניי.

פאַרנאָגלטע הימלען

איך ווייס ניט ווער עס האָט די הימלען פאַרנאָגלט,
און פון וועלכער זײַט די נעגל זײַנען אַרײַנגעגאַנגען,
איך האָב צו לאַנג און צו שווער געוואָגלט,
זעלבסטמערדער און לצים האָבן מײַנע טריט געפאַנגען.

אָבער איך נעם אָן ווילק דאָס הימלישע שווײַגן,
זאָלן די הייכן גליווערן הײַנט, ווי נעכטן, ווי געווען,
בלויז אין בראשית קאָנען מלאכים נידערן און שטײַגן,
אין לעבן איז גלײַבער, ווען אַנטוישטע קאָנען זיך ניט זען.

אָסיפֿ מאַנדעלשטאַם

איך באַשווער דיך, זאָג ניט אַז איך בין מער ניטאָ,
בלויז ווײַל דו קענסט מיך קלאָר ניט זען,
דאָס פֿאַרמשפּטע בלוט פּליסט אין די אָדערן פֿון יעדער שעה,
די לעבנס־סאָסנע איז הײַנט העבער, ווי געווען.

די וועכטער, די ביקסן, די קאַמער,
זיי זײַנען עדות פֿון דויער, ניט פֿון טויט,
דאָס האַרץ מאַכט די קאַנטיקע ענגשאַפֿטן גראַמער,
די קאַרש פֿון דערקענטעניש איז איבערן ראַנד רויט.

זאָג ניט אַז כ׳בין, ווי אַ האַנט־דרוק, פֿאַרשוווּנדן,
מײַנע שיך וואָלטן ניט שפּאַנען פֿון זיך אַליין,
די בעסטע לידער ווערן געמאַכט פֿון די טיפֿסטע ווונדן,
גראַמען פֿאַרצײַען דאָס רויע פֿלייש פֿון פֿאַרשטיין.

אפֿשר וועט מען מיך אין אַ ברודער־קבר פֿאַרשיטן,
אפֿשר וועט מען די מתים אפֿילו ניט פֿאַרגינען קיין שטיין,
אָבער זײַ וויסן: די שיינקייט, וואָס האָט זיך ביין פֿאַרשניטן,
וועט קיין מאָל ניט פֿאַרראַטן און קיין מאָל ניט אויסגיין פֿון זיך אַליין.

דער וועלט־גאַנג האָט אַ געדאַנק און אַ סדר,
די צאַרטקייט האָט אַ שאַרפֿקייט, וואָס איז גובר די שווערד,
איך קוש די ליפּן פֿון געטרײַע ווערטער, איידער
מײַנע ליפּן קושן די פֿאַרפֿרוירענע ליפּן פֿון דער ערד.

איך באַשווער דיך, זאָג ניט אַז איך בין טויט,
בלויז ווײַל דו קענסט מיך אין דער טונקלעניש ניט דערקענען,
אַמאָל צאַפּלט, צאַנקט און צוקט דער קנויט,
איידער ער רײַסט אויף און נעמט יום־טובדיק ברענען.

דער שוחט

איך האָב זיך קיין מאָל ניט געקריגט
מיט וואָלקנס, גראָזן און שטיינער,
זיך בלויז געהאַלטן מיט זיי
אין איין איבערבעטן.
מיט זיך אַליין האָב איך אַ ברוגז פאַרפירט,
און מיט אַנדערע, ווי איך,
בייזע שאָטנס, וואָגלער און פּאָעטן.

איך בין אין זיך אַליין אַרײַן,
ווי אַ קוילנגרעבער אין אַ שאַכטע
מיט אַ ליכט,
די טיף האָט מיך ניט געזעטיקט,
די האָרעוואַניע — ניט פאַרריכט.
ווען איך בין צוריק אַרויסגעקומען
האָב איך אויף ס'נײַ באַנומען
די צאַרטקייט פון בלומען,
און מיט די האָריזאָנטן זיך איבערגעבעטן
און זיך ווײַטער געקריגט
מיט בייזע שאָטנס, וואָגלער און פּאָעטן.

וואָס איך האָב געזוכט
האָב איך ניט געפונען,
און וואָס געפונען איז געווען —
מער פּראַגע ווי באַוויַיז,
דער האָן האָט יעדער טאָג צום אויפשטיין גערופן,
און יעדער אָונט געוואָרן מײַן שפּײַז.

ווינטערדיקע נעכט

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען אין מיטן נאַכט,
איך בין אַראָפּ פון בעט, אין טרײַבל — בלויז ווײנט.
ערגעץ איז אַראָפּגעפאַלן אַ גלאָז, כ׳האָב די טיר דאָפּלט פאַרמאַכט,
פון יענער זײַט וואַנט האָט ניט אויפגעהערט ווײנען מײַן שכנס קינד.

מײַן שכן איז אַלט, אָבער ס׳קינד איז, ווי דער פרילינג, יונג,
זײַן ווײַב, זאָגט מען, איז אַנטלאָפן מיט אַן אַנדער מוזיקאַנט,
איך לײג זיך צוריק אין בעט, איצט קומט פון דער טיר אַ קלונג,
איך עפן זי אויף; פוסטקייט, בלויז דאָס קינד ווײנט פון יענער זײַט וואַנט.

ווער קען ניט די נעכט, ווען עס רײַסן אויף אַלע טיפן,
ווען שטולן קרעכצן, ביכער פאַלן און וואַסעררערן פּלאַצן?
ווען טישן שפּאַנען, ווען מײַז שטיפן,
און ווען דער מוח קלערט מיט פונקטן אָן זאַצן?

פאַרוואָס ווײנט דאָס קינד? וווהין איז דער זקן אַוועק?
אפשר רופט מיך די טויטע מאַמע פון איר גרוב?
איך קלאַפּ אינעם פידלערס טיר, ער בליקט אַרויס מיט שרעק:
„אַ קינד? ס׳איז אַ טעות, איך בין אַליין אין שטוב״.

צײַט

אַ ליכטל און אַ שטערן לעבן
אין דער זעלבער צײַט אין צוויי צײַטן,
באַרג, ווינט און שמעטערלינג
מעסטן דעם אָוונט מיט דרײַ מאָסן.
די צײַט פון אַ גרעזל איז ניט פון אײַזן,
דער פליסיקער זײַן פון אַ טרער — ווערט שווער,
און בלייבט שטיין אין אַ שטיין.
בלויז דער מענטש וואָגלט דורך אַלע צײַטן
און קאָן צו זײַן צײַט ניט דערגיין.

די קרוין

דער קעניג האָט די קרוין אין אַ ווינקל פאַרשטעקט
און דעם פּאַלאַץ, ווי אַ גנב, פאַרלאָזן,
זײַן האַרץ האָט געלעכצט נאָך גאָט,
אים זוכן האָט ער זיך אַרויסגעלאָזן.

ער איז אַלע שטעט אויסגעגאַנגען,
גאָט אין ערגעץ ניט געטראָפן,
ווי אַ הויקער איז די איינזאַמקייט אָנגעוואַקסן,
ער איז אויפן הויקער געשלאָפן.

פאַרן אויסגיין ערגעץ אונטער אַ בריק
האָט אים פאַרטרויט אַן אַלטיטשקער טרעפּער,
אַז אויף דעם אייבערשטן איז דערעסן זײַן קרוין,
בלויז ער קאָן ניט אַנטלויפן פון זײַן באַשעפער.

אַ ביכל לידער

איך האָב אַ ביכל לידער אָנגעשריבן,
עס אָפּגעדרוקט
און צווישן באַקאַנטע צעטראָגן.
די ווערטער האָבן זיך
אין טונקעלע שאַפעס פאַרקליבן,
פוסטע אַרבל האָבן זיך
אין האַרצן געשלאָגן.

„פאַר וועמעס זינד
האַלט איר זיך אין שטראָפן?" —
וויל מײַן שכן וויסן,
זײַן ווײַב איז קאָקעטיש און אָפן: —
„ס'איז אַ שאָד צו פאַרטאַכלעווען
ס'ביסל לעבן, וואָס איז צו לעבן געבליבן".

וואָס זאָל איך זאָגן?
ניט איך האָב מײַן ביאָגראַפיע אויסגעקליבן,
ניט איך קאָן איר זין פאַרשטיין,
איך ווייס בלויז איינס:
ווען כ'בין פון פײַער געלאָפן,
האָב איך געוואָלט צו אַן אָרט דערגיין,
ווו כ'וועל מעגן מײַן לעבן פאַרטאַכלעווען,
לויט זיך אַליין.

גראָז

דער שד וואַקסט אויס אין דער הייל
צווישן דעם זקן און זײַנע ביכער; —
„אַלטער, פֿאַר וועמען איז דײַן מי?
נאָך אַלע לערנערײַען מוזטו וויסן,
אַז בלויז טויט און שטויב זײַנען זיכער,
וועסט אויסגיין דאָ פֿאַרגעסן
און שאַקאַלן איגנאָראַנטן,
וועלן דײַן געבילדעטן מוח עסן".

דער זקן הערט און קלערט:
דער אמת איז שטענדיק ביטער,
און דער ליגן, ווי שפּינוועבס דין.
און ער מורמלט צום ניט גוטן: —
„וואָס דו זאָגסט — האָט אַ זין,
אָבער איך לעב זינט יאָרן און יאָרן,
אָן אמת און אָן ליגן.
איך לעב מיט גראָז, גראָז איז מײַן גאָט
און איך בין אַ פֿילאָסאָף צווישן ציגן".

די ביבליאָטעק

צוויי מאָל אַ וואָך גיי איך צו מײַן ביבליאָטעק,
די אייביקייט פּאַרציט דאָרט די איצטיקייטן מיט שטויבן,
שרײַבערס באַגריסן מיך צווישן בערג ביכער,
אומקום האָט זיי דורכזיכטיק געמאַכט, ווי שויבן,
זיי הוסטן און שמייכלען פאַרנעפּלט און ניט זיכער.

איך קען זיי פון אַמאָל, פון אַ היימלאַנד ערגעץ ווײַט,
טייל האָט דער טויט געקושט מיט צאַרטע ליפּן,
טייל האָט מיט שטיינער געשלאָגן די צײַט,
טייל האָבן, ווי ליכט, אויסגעברענט,
טייל האָבן אויף זיך אַרויפגעלייגט די הענט.

איך דערקען זיי און זיי באַגריסן מײַן קומען,
אין זייער צײַט האָב איך זייער לעבן קוים באַנומען.

מיר שמועסן וועגן פּאָעזיע, וועגן גראַמען און קלאַנגען,
דאָס וואָרט, לויט זיי, שפּיגלט ניט אָפּ די וועלט, עס גיט איר אַ פּנים,
עס מאַכט זינגען זאַנגען —
שענדער פון וואָרט זײַנען דעם מענטשנס געפערלעכסטע שונאים.

נאָכן אומקום זײַנען די שרײַבער צו זיך אַליין צוריקגעקומען,
זיי פאַרריכטן איצט אַלטע מאַנוסקריפּטן, מאַכן נײַע פּלענער,
זיי ווילן וויסן, צי איך האָב דעם זין פון יצירות באַנומען,
אָדער, צי איך לעב בלויז מיט פּענער.

ס'איז גוט צו זײַן מיט זיי, כאָטש איך פיל זיך אַביסל ניט זיכער,
„וואָס עסן זיי?" — קלער איך און שעם זיך פאַר מײַן קלערן,
„וווּ שלאָפן זיי? צווישן טאָוולען פון ביכער?"
און פאַרוואָס האָבן זיי אויסגעקליבן דעם ערגסטן שטערן?"

איך וויל אויך פרעגן פאַר וועמען רעדט זיך אונדזער לשון אויס
דאָס הארץ?
און צי טויטע קינדער ווערן עלטער אויף יענער וועלט?
און פאַרוואָס איז קבר־ערד ניט בלוי, נאָר שוואַרץ?
און פאַרוואָס האָט זיך דער באַשעפער פאַר אַ צעשטערער
פאַרשטעלט?

אָבער דער זייגער איז קאַרג מיט צייַט,
און אַ וועכטער קומט פאַרשליסן די טיר,
איך באַריר די פינגער פון די דורכזיכטיקע לייַט
און פיל אַ פאַרצויגענע ווונד אין יעדער באַריר.

בייַ נאַכט קלער איך וועגן ביכער, שרייַבער און שרייַבן,
אין דער ביבליאָטעק זייַנען צווישן די ביכער נאָך קליינע פּוסטקייטן
געבליבן.
די הייליקע לופט טאָר ניט אָן אַ טעם פאַרבלייַבן,
ווער ווייסט? אפשר האָט אַ שפּאַרונע מיך פאַר איר זינגער
אויסגעקליבן.

טעכניק

ער איז געווען אַ פּאָעט
מיט אַ נײַער טעכניק,
אַפילו דעם אומעט אַליין
האָט ער מיט פּערל באַצירט,
און מיטן פרילינג, ביים אָוונט־ברויט,
אַרס פּאָעטיקאַ דיסקוטירט.

טייל האָבן אים מקנא געווען,
טייל — פאַרמינערט זײַן טאַלאַנט,
„וואָס איז טאַלאַנט?" —
האָט ער געמאָנט מיט דינע הענט.
בלויז געציילטע איז דער ענטפער באַקאַנט,
אָבער זיי שווײַגן, ווייל זיי ווערן
פון אים פאַרלענדט.

ווען דער פּאָעט מיט דער טעכניק
איז אַלט געוואָרן,
האָט ער דעם לעבנס־אַש
צונויפגעקליבן אין אַ זאַק
און באַפּוצט אים מיט קאָלירטע שטראַלן,
די פאַראַשטע יאָרן
זאָלן זיך ניט פילן געפאַלן.

מוזע

לאָר ניט,
איך האָב די מוזע געזען מיט מײַנע אויגן,
איך זאָג ניט, אַז זי איז געקומען צו מיר,
איך זאָג בלויז: — „געזען״,
און זי איז געווען פאַרקוואַרט און אויסגעבויגן.
געוויס, דאַנטע און שעקספּיר
און נאָך און נאָך
האָבן זי בעסער און לענגער געקענט,
אָבער איך האָב זי געטראָפן אין מיטן וואָך
אונטער אַ זון בייז, פליכיק און אויסגעברענט.

אונדזער מחנה איז ערגעץ געגאַנגען
און אפשר גאָר פון ערגעץ געקומען,
אונדזער צאָל האָט אונדז געשטאַרקט
און געפאַנגען,
טויזנט פּויסטן און איין דאַרשטיקער גומען.

מיר האָבן פון צײַט צו צײַט אַ ניגון פאַרצויגן,
קוימענס האָבן דעם עבֿאַ פאַרשלונגען.
די זקנה האָט ווי מיר אַלע
האַרט און הייזעריק געזונגען.

די צײַט האָט אונדז אויף אַלע פראַגעס
אַ גרויזאַמען ענטפער געגעבן.
מיר האָבן מיט קללות גערופן דאָס לעבן.
ווען נאַכט איז צוגעפאַלן
זײַנען מיר פאַרזונקען צום באָדן.
ווי שאַקאַלן
מיט אומקום און שנאה איבערגעלאָדן.

און זי?
זי איז געשלאָפֿן, ווי אַלע פּליטים שלאָפֿן,
צאַפּלענדיק און קלאָגנדיק,
ווי פֿון אַ דונער געטראָפֿן.

באַגינען — ווידער אין וועג,
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָבן מיר זיך גענומען דערקענען,
איך האָב איר אַ טרונק אונטערגעטראָגן,
דעם שטעקן דערלאַנגט, ווען ער איז אַרויסגעפֿאַלן.
קאָנען פֿאַרבעלמעטע אויגן זאָגן אַ דאַנק?
געוויס, בעלמעס שפּיגלען אָפּ שטראַלן.

פֿרײַנד, גוטער פֿרײַנד,
איין טאָג האָב איך צו איר גענומען ריידן,
(אין רעגנס־גוס האָב איך זי קוים געזען)
„אַ, באָבעניו, דערציילט מיר וועגן דאַנטע און שעקספּיר,
און וועגן זיך אַליין, ווען איר זענט יונג געווען".

איר ענטפֿער איז אויסגעמישט געווען מיט ווינט: —
„כ'בין קיין מאָל ניט יונג געווען, מײַן קינד,
און וואָס שייך באמת גרויסע לײַט
זיי זײַנען ווי האָמער, געווען בלינד".

פּראָסט און פּשוט

איך וועל דיר זאָגן פּראָסט און פּשוט:
אַ פּײַער ברענט, אַ וואַסער פּליסט,
און בלויז דער מענטש, וואָס געפינט זיך אַליין,
לעבט ניט אומזיסט.

הויכע טירן מיט פּאַרטיערן באַפּוצט,
שרעקן מיך מער, ווי אַן אָפענער גרוב,
און אַ בוך מיט ווערטער אין ווערטער פאַרליבט,
איז פאַר מיר אַ שטײַג, ניט קיין שטוב.

כאָטש איך בין צו ווייניק וואָס דערגאַנגען
און אויך ניט צו פיל פאַרשטאַנען,
האָב איך געלעבט אין אַ געאָגראַפיע
צו שטײַל פאַר עראָפּלאַנען.

נעבטן און הײַנט טרעפן זיך פאַר מיר
אין אַ פּעניצל צוקער צווישן די ציין,
און מײַן האַנט, וואָס ראַזירט מיך בײַם ליכט,
קאָן מיך אויך אין דער פינצטער פאַרשטיין.

כ׳בין דאַנקבאַר פאַר זאַכן אָן נעמען,
און פאַר נעמען אָן זאַכן,
פאַר טרערן, וואָס וויינען אָן מײַן וויסן,
און פאַרן וויסן, ווי אין אַ שטומקייט זיך פאַרמאַכן.

כ׳בין דאַנקבאַר פאַר קאָנען זײַן דאַנקבאַר,
פאַרן אײַלן זיך, כאָטש קיינער האָט מיך ניט פאַרבעטן,
פאַר אַ צאַרטקייט, וואָס קאָן אַ האַרטקייט פאַרבײַגיין,
פאַרן חלשן אין מיטן פון אַ קריגערײַ זיך איבערצובעטן.

איך וועל דיר זאָגן פּראָסט און פּשוט:
אפילו די טונקלסטע שעה האָט איר קנויט,
און אויב מײַן לעבן איז אַ שוועבעלע, ניט מער,
כ׳בין דאַנקבאַר פאַרן פלעמל אין אַ שוועבעלע פאַרבויט.

דער היסטאָריקער

דער היסטאָריקער ציט דאַטעס אויף אַ שנירל צוזאַמען,
די אייגענע טעג קײַקלען זיך, ווי קרעלן, אַוועק.
ער קלערט: וואָס איז די דאַטע פון זאַכן וואָס פאַרזאַמען,
און די דאַטע — פון ערשטער פרייד און לעצטער שרעק?

מיסטעריע

אַ מענטש איז מער ווי אַ סך־הכל פון זיינע וווּנדן,
און זײַן ליבע — טיפער ווי די איינזאַמקייט, וואָס טראָגט זי אויס,
אַ פײַער איז מעבטיקער, ווי אַ פונק, וואָס האָט אים אָנגעצונדן,
און דאָך קומט די מיסטעריע פון בלומען פון מיסט אַרויס.

צוקונפט

די ציגײַנערקע באַטראַכט דעם גאַסט: —
אַ הויכער שטערן, גרויע, קײַלעבדיקע אויגן,
אויפן טישל זײַן האַנט — אַ פידל־סטרונע,
ביז צום פּלאַצן אָנגעצויגן.

זי קלערט: — דער נעכטן
פלוידערט אויס דעם מאָרגן.
און זי מורמלט: „וועסט אין לידער פאַרוואַנדלען
אַלע דײַנע זאָרגן".

דער גאַסט באַצאָלט און די ציגײַנערקע גיט צו:
„זיי געוואָרנט פון דעם פײַער אין דיר".
דער גאַסט שמייכלט און לאָזט זיך גיין
און ווערט אַש ביי דער טיר.

געשיכטע

„וואָס איז געשיכטע?״ — האָט דער לץ געפרעגט.
„אַ וווּנד, וואָס ווערט ניט פאַרהיילט״
האָב איך געזאָגט און שטיל געבליבן.
„ניין״ האָט דער לץ זיך צעשאָקלט
„ס׳איז אַן אמת וואָס זאָגט שטענדיק אַ ליגן״.

פון יענער זײַט שענקל איז האַרבסט
אין געלע נעפּלען אויפגעגאַנגען;
אַ זייגער האָט אויסגעשלאָגן.
אַ הונט האָט געבילט.
אָבער געשיכטע האָט זיך
מיט מײַנע טעמעס ניט געשפּילט.
זיי זײַנען קיין מאָל ניט אַרײַן
אין געשיכטע־ביכער.
„געשיכטע״ האָב איך געזאָגט
„איז בלויז דונער און וויכער״.
ווידער האָט דער לץ מיך איבערגעשפּאַרט: —
„ניין, געשיכטע איז אַלץ וואָס איז ניט זיכער.
די צוקונפט איז אַלץ,
וואָס די פאַרגאַנגענהייט האָט ניט דערוואַרט״.

איך האָב געקלערט: אפשר האָט די גאַנצע געשיכטע
אַ לץ אויסגעטראַכט.
„טרינק!״ האָט דער לץ באַפוילן און זיך צעלאַכט.

איך האָב מײַן גלעזל אויסגעליידיקט
און דאָס שענקל פאַרלאָזן,
הינטערן שטאָט האָבן פרעש זיך געוווּנדערט
ווי אומזיניק ס׳איז די געשיכטע פון האָזן.

א. ע. מ.

איך האָב דעם פּאָעט אויף אַ מערקל געטראָפן,
און אים גלײַך ליב באַקומען,
ר'איז געשטאַנען אויסקלאַפּנדיק יאַמבישע סטראָפן,
און פּאָעזיע איז אויך געווען אין זײַן שטומען.

איך האָב אים צו אַ פרישטיק פאַרבעטן.
„פּײַן" האָט ער געזאָגט „די לידער — שפּעטער".
דער רעסטאָראַן איז פול געווען מיט פּאָרטרעטן
פון באַקסערס. אין פענצטער איז געהאַנגען אַ גרויער וועטער.

„ווו ווינט איר?" — האָב איך געפרעגט און זיך פאַרשעמט,
פאַרגעסן, אַז ער איז אין וואָראָניעזשער שניי געבליבן,
אָבער ער האָט רויִק געגעסן, די געבליבענע האָר געקעמט,
און ענדלעך געזאָגט: „אַרויס מיט אַלץ, וואָס געשריבן".

איך האָב ייִדיש געלייענט און רוסישע רייד דערגעבן,
ער האָט בייזלעך מיטן ווײַז-פינגער געפּײַקלט אין טיש.
„דרוזשאָק, אַלע שפּראַכן זינגען דאָס זעלבע צום לעבן,
איין לשון האָט דער קאָסמישער פיש".

געזאָגט און דעם קאָפּ פאַרקלערט, ווי אַ הינדל, אויסגעבויגן,
די באַקסערס זײַנען פון די פּאָרטרעטן אַראָפּגעקומען,
פאַרלוירן האָב איך געזוכט דעם דיכטערס אויגן.
דער ריח פון שווייס, ברילאַנטין און אומעט האָט אונדז אַרומגענומען.

פּלוצים איז ער אויפגעשפּרונגען און צו דער טיר זיך געלאָזן,
כ'האָב געוואָלט אים פאַרהאַלטן — צו שפּעט,

ר׳איז אויסגערונען, קיין שפור נאָך זיך ניט געלאָזן,
די באַקסערס האָבן געפרעגט: „מיט וועמען שלאָגט זיך פאַר זײַן
קרוין דער פּאָעט.״

איך האָב זיי געפרוווט אַן ענטפער געבן און ניט געגעבן,
אַליין די גאַנצע זאַך קלאָר ניט באַנומען,
די באַקסערן האָבן געשמייכלט, מיר וויסקי געגעבן.
דעם דיכטערס פּערזון האָבן זיי געמאַכט מײַן גומען.

אַפּשײַן

אָפּשײַן פון אַ שײַן —
לאַנג פאַרשוווּנדן,
ווייטאָג פון אַ ווי —
אָן וווּנדן,
ווערטער פון אַ זאַץ —
לאַנג צעפאַלן,
וואַסער־רויש
פון פאַרדאַרטע קוואַלן,
טריט פון פיס —
ניט דערגאַנגען,
צאַרטקייטן —
פון האַרטקייטן געפאַנגען.

איז דאָס אַלץ מעגלעך?
געוויס, דער אַמאָל
באַזוכט אונדז טעגלעך.

וווּנדן

ער איז געקומען פון ערגעץ ווײַט, ווײַט
און וועגן דעם שטענדיק גערעדט,
ער האָט די ווײַט צווישן אונדז געזוכט,
מיר האָבן אים באַטיטלט: „הער פּאָעט".

„פאַרוואָס גייט איר ניט צוריק
און הערט אויף צו קלאָגן?"
„איך גיי" — פלעגט ער שמייכלען —
„אָבער כ'קאָן ניט דעם צוריק דעריאָגן".

שווער געווען אים צו דערטראָגן,
האַלב לץ, האַלב נביא צוזאַמענגעבונדן,
אַ מענטש וואָס באַרימט זיך, אַז זײַן פּאַר
איז צו פאַראייביקן וווּנדן.

נאָך זײַן טויט האָבן מיר אויף אַ מצבה צונויפגעקליבן,
און איבערגעמישט אַ נײַ בלאַט,
אַז אים האָט אונדזער שטאָט
מער קיין וווּנדן ניט געהאַט.

דער פרעמדער

ווער איז דער פרעמדער? ווער?
ער זינגט אין מיטן נאַכט
און שלאָפט אין באַגינען מיט אָפענע אויגן,
ער שרײַבט און שרײַבט בריוו
און רעדט צו זיך און לאַכט,
און אַלץ, וואָס ער זאָגט, זאָגט מען,
איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.
ער איז אַלט, זייער אַלט,
צײַט האָט די פאַרב פון זײַנע אויגן
אויסגעזויגן.
ער איז מער שאָטן, ווי געשטאַלט.

ער האַלט אין איין דערציילן,
אַז אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט
האָט ער פאַרלוירן, און דורך ליבשאַפט
צוריק אָפּגעפונען,
און ווען ער ברענגט אַראָפּ זײַן גוף
פון די טרעפּ, שמייכלט ער,
ווי ער וואָלט אַ שלאַכט געוווּנען.

ווער איז דער פרעמדער? ווער?
זײַנע שיך שײַנען, דאָך די ראַנדן זײַנען צעפּליקט
און אינעם רעקל פעלן כמעט אַלע קנעפּ,
ער קוקט אויף פליגן און איז אַנטציקט,
די ביימער בייגן פאַר אים די קעפּ.

ער פאַלט אָפּט און וווּנדערט זיך,
ווײַל ערשט נעבטן זײַנען דאָרטן געווען טרעפּ.
בײַם אויפשטיין מוסרט ער זיך מיט ווערטער שטילע
און קאָרמעט די טויבן,

לויט אים זײַנען פייגל און קינדער גאָטס תפילה,
ער זאָגט, אַז גאָט, ווי יעדער איינער,
קאָן ניט לעבן אָן אַ גלויבן.

ווער איז דער פרעמדער? ווער?
ער איז געקומען פון אַ ווײַט לאַנד,
און די ערד רופט אים צוריק,
אָבער זײַן פּאָסטן איז דאָ. ער זאָגט:
„צו ערשט פליבט און דאַן גליק".

וואָס איז זײַן פליכט? טויבן שפּײַזן?
אָדער ריידן די זעלבע רייד יעדער יאָר?
אָדער אפשר גאָר אונדזער גאַס דערווײַזן,
אַז לעבן מיינט חלומען אויף דער וואָר?

אויף דער בינע

איך בין געשטאַנען אויף דער בינע
און לידער געלייענט,
קינדער האָבן פאַרוואונדערט געקוקט,
עלטערע — געשאָקלט די קעפּ.
„בלײַב ניט שטיין, בלײַב ניט שטיין" —
האָב איך געטראַכט,
די ווערטער האָבן זיך געשטויסן
ווי אַ מחנה לײַט,
וואָס יעדער זעט בלויז זיך אַליין.

איך האָב באַקוקט די אייגענע הענט,
געפילט ווי אונטער די פיס וויגט זיך דער דיל,

ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט
זײַנען גראָז געוואַקסן אַן ווערטער,
געוואַקסן זײַדיק און שטיל.

פּלוצים האָט זיך אַ מאַן געלאָזט צו דער טיר,
„וואַרט!" — האָב איך אויסגעשריִען.
אָבער ער האָט הינטער זיך די טיר פאַרמאַכט.

אַ פרוי מיט בלויע הענטשקעס האָט געלאַכט,
אַ מיידעלע האָט אַ ליאַלקע גענומען וויגן,
אַ צײַטונג־פּאַרקויפער האָט זיך אַרײַנגעריסן
פּאַרקויפט צען צײַטונגען און אַוועק.

איך וועל קיין מאָל, קיין מאָל ניט ענדיקן —
האָב איך געטראַכט מיט שרעק.

און פּלוצים — דאָס לעצטע ליד,
איך האָב געענדיקט און זיך פֿאַרבויגן,
די לופֿט איז געווען געל און מיד,
איך האָב געפֿילט אויף זיך — מײַנע אויגן.

ווען איך בין פֿון דער בינע אַראָפּגעקומען
האָט די פֿרוי מיט די בלויע הענטשקעס
מיך באַגריסט מיט אַ בוקעט בלויע בלומען.

„זאָגט מיר" — האָט זי געפֿרעגט —
„וואָסער שפּראַך האָט איר גערעדט?"

איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, ס'איז געווען שפּעט
זייער שפּעט.

משה קולבאַק

האָסט אונדזער מאָנטיק דערהויבן,
איצט ווילן מיר אין ווערטער דײַן לעבן איבערזאָגן,
די לאַסט פון צײַטן האָט אונדז אַלט געמאַכט און אויסגעבויגן,
צו אָפט האָט אונדז די וועלט מיט אַ פויסט אין פּנים געשלאָגן.

דו ביסט געווען, ווי מיר אַלע, ניט שענער, ניט שטאַרקער, ניט בעסער,
און דאָך האָסטו אַ יום־טוב צו אונדזער גאַס געבראַכט,
מיר האָבן פאַרגעסן די האָריקע האַנט, דאָס פאַרבלוטיקטע מעסער,
האָסט שטערן אַרײַנגעמאָלט אין אַ טויטער נאַכט.

מיר האָבן דיך ליב באַקומען, האָסט גאָלד פונעם צער אַרויסגעגראָבן,
און ייִדיש האָבן גענומען ריידן די פּירפּיסיקע פון רײַסישן לאַנד,
דײַן וווּנדער האָבן אפילו באַשטעטיקט די פּראָזאַיִשע ראָבן,
און די ווילדע אַליין האָט זיך געגרייסט מיט דײַן טאַלאַנט.

ווער וואָלט וועלן שלעבטס טאָן דעם איידלסטן פון זינגער? —
פון שווערן ליים האָסטו לײַט מיט חלומות געפורעמט,
צוליב דיר זײַנען די טעג געוואָרן ייִנגער,
דײַנע בראָנדזענע יונגן האָבן דעם גליוווער, דעם גרויען געשטורעמט.

שטילקייטן האָבן פּלוצים באַקומען אַ קלאַנג,
מיר האָבן פאַרצאַפּלט געוואַרט אויף טאָגן,
פונעם ענגלישן בייראָן ביזן דיסנער טשאַילד הערלאָד — איין דראַנג.
מיר האָבן אַ גלויביק האַרץ צו דער גאולה געטראָגן.

און דאָן האָט מען דיך פאַרנומען און ביסט ניט געוואָרן,
אַ גלייענדיקע צוואַנג האָט אונדזער אומשולד אַרויסגעביסן,
שטיינערדיק איז געוואָרן די וואָג פון יאָרן,
בלויז מתים האָבן איצט געהאַט אַ געוויסן.

אָ, וואָס איז דער זין פון פרעגן און איבערפרעגן.
ווען בלויז די סאָווע און דער חושך פאַרנעמען,
אין אונדזער טריקעניש ביסטו דער שענסטער רעגן,
דאָס ליכטיקע שניבל, וואָס צערטלט די ברעמען.

פריַי

איך בין פריַי אין מײַן אומגליק און פריַי אין מײַן גליק,
כ׳בין מײַן אייגענער אָפּגרונט, מײַן אייגענע בריק.

מײַנס איז דאָס וואַסער, מײַנס — דער שטויב,
כ׳בין מײַן אייגענע קללה, מײַן אייגענע לויב.

ס׳איז מײַנער דער קוש, מײַנע — די פּויסט,
כ׳בין די וואַנט וואָס פֿאַרשטעלט, דאָס האַרץ וואָס אַנטבלויזט.

כ׳בין דאָס וואָרעמע אויג אין פֿאַרמשפּטע קעפּ,
דער קעלער, וואָס קלעטערט צום הימל דורך טרעפּ.

כ׳בין דער דופק, וואָס קלאַפּט אין אַ דינעם שאָטן,
אַ גרעזל, וואָס גרינט נאָכן ווערן צעטראָטן.

כ׳בין יעדער איינער און מיט אַלע איינער אַליין,
בײַנאַכט בין איך די מצבה, וואָס דאַרף גאַרניט פֿאַרשטיין.

האַלץ

איך בין געווען אין מײַן חלום
אַ בוים.
טראָץ דעם, קויף איך יעדער ווינטער
אַ וואָגן האָלץ.

איך קוק אויף די האָלאָוועשקעס
און זע דעם בוים,
וואָס איך בין געווען
אין מײַן שלאָף.

מײַן לעבן איז דער פּלאַם
פֿון מײַן גוף,
גוט וואָס איך בין ניט
מײַן אייגן אַש.

גוטע שיך

דער פּאָעט
מיט זײַן ליד.
דער שוסטער
מיט זײַנע שיך.

לידער גייען באָרוועס,
אָבער דער שוסטער
וואָס זינגט,
מאַכט בעסערע שיך.

ווער זאָגט

ווער זאָגט, אַז ווערטער דאַרפֿן באַשטימען
און אַז באַשטימען ברענגט פֿרייד?
אַמאָל באַווײַזן ווערטער, אַז קיין זאַך קאָן ניט שטימען
און, אַז אויף די קרייץ־וועגן פֿון דער וועלט שטייט דער באַשייד.

מיר האָט אַמאָל אַ פֿילאָסאָפֿיע פֿאַרטרויט אַ טשיזשיק, אַ שטיפֿער,
און דאָן זיך אָפּגעטראָגן מיט אַלע באַווײַזן,
איך האָב געזען, ווי אַ גרוב וויל צו זיך דערגיין און גראָבט טיפֿער,
און ווי אַ גרײַז פֿאַרטיידיקט זיך מיט גרײַזן.

ווער זאָגט, אַז אַלץ מוז האָבן אַן אָרט און אַ צײַט,
ערטער בײַטן ערטער, און צײַט אנטלויפֿט פֿון זיך אַליין,
אַמאָל איז די נאָענטסטע זאַך — די ווײַט,
אַמאָל איז אַ גבורה — זיך אָפּזאָגן צו פֿאַרשטיין.

ווער זאָגט, אַז ווערטער זײַנען באַשאַפֿן אַלץ צו באַשטימען?
דאָס באַשאַפֿענע וויל בלויז שאַפֿן, ניט מער —
דאָס לעבן רעדט מיט טויזנט סתירהדיקע שטימען
און וויינט מיט דער זעלבער טרער.

אינספּיראַציע

„וואָס איז אינספּיראַציע?״ —
האָט אַ גאַסט געפרעגט דעם בלינדן פּאָעט.
אין גאָרטן האָט געלאַכט אַן אַקאַציע,
אַ פּרוי האָט געמורמלט צום אָוונטיקן פּיאַלעט.

ווידער איז די פראַגע אויפגעשוומען,
דער זקן האָט מיטן שטעקן באַרירט דעם דיל,
דער מוח האָט דעם בלינדן שטח באַנומען.
דער אַלטער האָט דערגרייכט זײַן געלעגער שאָטנדיק, שטיל.

אַ קישן האָט באַגריסט אים מיט אַ שמייכל: —
„אינספּיראַציע״ האָט ער געזאָגט, איז נוצן ס׳וואָרט „ליכט״ ווי אַ ליכט.

ער האָט געקלערט און צוגעגעבן: „און דער שכל
קושן הונדערט שטריכן און זען איין געזיכט״.

י. ל. פּ.

איך לעב אין אַ פאַרגעסן הויז,
אין אַ געסל, וואָס ווערט לאַנגזאַם צענומען.
צווישן מיסטן און ציגל גייען דאָ קעץ אויס.
די פאַרגאַנגענהייט איז אַ ריח פון טויטע בלומען.
איך לעב צווישן דינע געשטאַלטן,
פענסיעס און שטעק־שיך זײַנען די לעצטע פרײַנד,
ווען איך אײַל זיך, ווילן שכנים מיך פאַרהאַלטן:
„וווּהין? וווּהין? פון זיך אליין ווערט דער מאָרגן אַ הײַנט".

בלויז איינער אין אַ שוואַרצער פעלערינע
מײַדט אונדז אויס. די פריצישע וואַנצעס שטויסן אַלעמען אָפּ,
אַלע ריידן וועגן אים מיט וווּנדער און קנאה,
געשיכטעס — פאַרביקע שמעטערלינגען, קרייזן אַרום זײַן קאָפּ.
וואָס טוט ער דאָ? מיר פרעגן ניט. מיר שלינגען פילן און לעבן,
וואָס טוען אַלע דאָ? די פרויען, די מענער, די פליגן, די קעץ?
די קלוגשאַפט קאָן דעם אומזין קיין ענטפער ניט געבן,
אונדזער לעבן איז מער ניט קיין וועג דורך טעג, נאָר טעג אין אַ נעץ.

כ׳וואָלט שווערן, דער פעלערינע־מענטש שרײַבט נאָך אַלץ,
אָבער פאַר וועמען? פאַרוואָס? וואָס וויל ער דערווײַזן?
ווער וואָגט פרעגן? זײַנע אויגן — קוואַרץ,
און אַז אימפעט ניט געבראָכן און הייס — איז זײַנע שפּרײַזן.
וואָס וויל איך פון אים? איך ווייס, און וויל ניט וויסן,
דאָס אַלטע הויז גייט אויס און מיר מיט אים,
ער איז פאַרצײַטנס געווען אונדזער געוויסן,
מײַן שטומקייט גאַרט נאָך אַ שטים.

אין בלינדע נעכט בין איך דער שאָטן בײַ זײַן טיר,
איך מאָר זאַצן און זאַצן פון זײַנע טריט,

די צעפּאַלענע רינגען פֿאַרשליסן זיך צוריק אין מיר,
און דער קאָרידאָר פֿון מײַנע טונקלענישן גליט.

איך זע אים אויף צעגלאַנע, אין דער פּעלערינע — וואָרקעט אַ ליד,
אַ טויב פֿאַר ייִדישע קינדער. פֿון פּראַגע שפּאַנט די דײַטשישע נאַכט,
ער מורמלט: „גאָט, ביסטו נאָך אַלץ אַ ייִד?"
אַ, וויפֿיל אייביקייטן כ׳האָב בײַ זײַן שוועל פֿאַרבראַכט.

און דאַן, איין טאָג, די טיר — אָפֿן, ער — אויסגערונען,
ווײַזט אויס די געביידע האָט אים ניט געהאַלטן געפֿאַנגען,
ווו איז ער איצט? האָט ער דעם שבת פֿון האַרצן געפֿונען,
אָדער איז ער פּלוצים, אין אַן אונטער־באַן, אויסגעגאַנגען?

געדענק

לאָז קיינעם ניט מעסטן
דײַנע חלומות.

דער שטורעם וועט שטענדיק
איבעריאָגן די צײַט.

דעם מענטשנס בענקעניש
איז גרעסער פון דער וועלט.

משיח קלאַפּט יעדער טאָג
אין אונדזער טיר.

לאָז ניט דעם פּאַכמאַן
פון לעבן מאַכן אַ פּאַר.

די ליבע האָט צוויי בלינדע אויגן
און פיר זעעדיקע.

די וואָרצלען פון ליכטיקע פריידן
זויגן פון טונקעלע גרונטן.

לאָז דעם בעל־מלאכה
צונויפקלאַפּן די ראָם.

געדענק, אינעם בילד לעבט אַ דראַנג
מיט אַ שווער האַרץ און לײַכטע פליגל.

אין דער זאַמלונג:

גוטע אורחים 7

דאָס דריטע אויג

דאָס דריטע אויג . . . 11
דער סדר פון זאַכן . . . 12
איך 13
גאָפּל-מעסער . . . 13
אפשר 14
צוויי-לעבנס 14
מײַן נאָמען 15
דאָס אָרט 17
ביאָגראַפיע 18
אַ פּעקל בריוו . . . 19
יאָרן 19
איין זאַך איז אין דער לופטן
הענגען געבליבן . . . 20
דער גאַנצער מענטש . . 22
דאָס געזיכט 23
ערגעץ 25
אַ קינד 27
עס טרעפט 27
מײַן פּאָרטרעט . . . 28
אַ ברונעם 28
די טיר 29
אַ שטים 30
דער עכאָ פון אַ קלאַנג . 31
צווישן 33
לײַט זאָגן 34
שאָך 35
יינגער 36
ווײַטער פון פאַרשטיין . 37
אַ פידל 37
ווילסט וויסן 38
דו ביסט די מאָס . . . 40

גראַניטן

גראַניטן 43
לײַכט איז די וואָג פון שטיינער 44
דער הויקער 44
ניו-יאָרק 45
צוויי גוטע פרײַנד . . . 46
אַ פּאַרטיע 47
אַ פרוי בײַם ים . . . 48
שפּיטאָל 49
קאַרנאַוואַל 50
דאָ 51
דער טעלעפאָן . . . 52
טרייסט 53
צוריק 53
אַדרעסן 54
יאָרטאָג 55
אַ נאָמען צווישן נעמען . 56
גוט צו טרעפן זיך ווידער . 57
וואָס ווילסטו, שוואַרצער גאַסט? 58
דאָ און דאָרטן . . . 62
דער נביא פון מאַנהעטן . 64
שטילקייט 65
בריוו צו ניו-יאָרק . . . 66
שיינקייט 68

דאָס האַרץ איז אַ פאָרם

דער וואָלף 71
אַ סקולפּטור 71
גאָיאַ 72
אַ שטיללעבן 73
פאַרבן 74
דיעגאָ ריוועראַ . . . 75
על גרעקאָ 1—3 . . . 80
מאָל דעם טאָג בײַנאַכט . 87
אָטעם 88

די נאָדל פון שרעק

די נאָדל פון שרעק . . 91
מײַן צײַט 91
פיר 92
טויטע טעג 93
דערנער-קרוין . . . 93
גורל-שטאָט 94
יאָרצייט-ליכט . . . 95
באַלאַדע 96
אַ פרינץ 97
געוויסן 97
דער וועכטער . . . 98
אַ ליד 99

ביַים לייענען די אַנטאָלאָגיע . 99
די באַלאַדע פֿון איציק פֿעפֿער און
פּאָל ראָבסאָן 100
העלף אונדז 104
לעגענדע 105
פֿאַרגעפּיל 105
האַלבקייטן 106
אָונט־ציַיט 106
דער דיכטער 107
אייבער 107
פּנימער 108
דאָס פּעדימל 108
דער געהאָנגענער טאָג . . 109
אין בלוט פֿון אונדזער חלום 110
מאַריאַ אַנטואַנעט 112
אַדרעס 113
געלע לאַטע 115
גלעקער 116
שפּעט 117
וואָגלערס, מיַינע פֿריַינד . 118
ענטפֿערס 119
ווי נאַר 120
אונדזער ציַיט 121
וואָס בליַיבט 122
טויט און לעבן 123
אַז זיי בין איך שטום . . 124

גאָלדענע הויקערס

גאָלדענע הויקערס 127
מוזיק 128
ייִדישע נאַכט 129
ווערטער 130
דער קונצנמאַכער 131
אַן אומעטיקער מענטש . 131
וואָקזאַלן 132
וועגט 133
נאַקעט 134
פֿאַרגעסענע זאַכן 135
אַ גאַסט פֿון דאָרטן . . . 136
פֿאַרנאָגלטע הימלען . . . 136
אָסיפּ מאַנדעלשטאַם . . . 137
דער שוחט 138
ווינטערדיקע נעכט . . . 139
ציַיט 140
די קרוין 140
אַ ביכל לידער 141
גראָז 142
די ביבליאָטעק 143
טעכניק 145
מוזע 146
פּראָסט און פּשוט . . . 148
דער היסטאָריקער . . . 149
מיסטעריע 149
צוקונפֿט 149
געשיכטע 150
א. ע. מ. 151
אָפּשיַין 152
וווּנדן 153
דער פֿרעמדער 154
אויף דער בינע 156
משה קולבאַק 158
פֿריַי 160
האַלץ 161
גוטע שיך 161
ווער זאָגט 162
אינספּיראַציע 163
י. ל. פּ. 164
געדענק 166